# Di Geszychte

fon

# JUDISZKAJT

(Historia religii żydowskiej)

Druk. M. Buchszrajber Będzin. Modrzejowska 21.

Au'or i Wyd.: Natan Guter Będzin, ul. Promyka 5.

# די געשיכטע

## פון

# יוּדישקיט

נטע גוטער בּענדין

# די געשיכטע

פון

# יודישקייט

ערשטער טייל

## פון אדם הראשון
## ביז אהרן בן עמרם הלוי

ערשטער העפט

בטע גוטער בענדין

R 3

Biblioteka * Śląska

1 419742

I

K-78/2148
16 3 60,-

ב"ה

# פאָרוואָרט.

אויב איינער וואָס לערנט אין א מוסער־ישיבה, פאָרט צו א רבין, לערנט אין „מתנחים" אָדער אין „בית יעקב"־סעמינאר, ווייסט מער־וויניגער פון יודישקייט, און וואָס עס פערלאנגט פונם מענש; ווייסן עס אָבער נישט, די מאסן. פון די „יסודות התורה", ווייסן די מאסן לגמרי נישט. דערפון, די ווארימע סימפאטיע, וואָס אלערליי משיח־סימולאנטן געפינען ביי די מאסן. אפילו די גע־וואוינהייטס־מצוות, — וואָס די מאסן ווייסן און האלטן זיי — אז סקומט נאָר פאר, עטוואָס אנדערש פון טאָג־טעגליכן, ווייסן זיי שוין גאָרנישט.

די אונוויסנהייט קומט צו די טראגי־קאָמישסטע אויסדריקן, צ. ב. ש. סאיז פארהאן אזעלכע, וועלכע קוקן אויס די מינוט, דאָס אבילות זאָל זיך אויסלאָזן, אז זיי זאָלן זיך שוין „מעגן" רא־זירן... עס קאָן גיסן וואסער אויף א בלומען־טאָפּ אין שבת, אזעל־כער וואָס וועט קיין לייכטער אין שבת נישט אָנרירן.

מטראָגט א סידור, כאָטש מטאָר נישט טראָגן.

א פרוי לויפט פערסאפעט הערן שופר בלאָזן (ביי פרויען איז די מצות שופר נאָר א מנהג) און איז דעקאָלטירט און אָפּגע־דעקט די איינענע האָר וואָס איז א „איסור דאוריתא" און פון די הויפּט־ענינים פון יודישקייט און יודישע צניעות!

מענשן ארבעטן אין שבת און — לויפן „קדיש" זאָגן.

מענשן האלטן סגעשעפט אין שבת אָפּן און ראש השנה—צו.

אין אזא התנהגות שטעקט א חוץ בייזוויליגקייט, אויך א גרויסע מאָס אונוויסנהייט. די גדולי ישראל אין אלע צייטן, וואָס האָבן געשריבן ספרים, אין אראביש, שפאניש, דייטש, האָבן זי־כער געהאט פאר זיך אזא אָדער ענליכן מצב.

מקאָן מיט רעכט זאָגן. אז א גרויסן טייל פון די פלאָג וואָס דאָס יודישקייט ליידט הייגט וואָלט מען געקאָנט לינדערן. אויב מוואָלט אָנגעשריבן א ספר אין יודיש. סזאָל האלטן אין זיך, די מצוות און זייערע אָפּצווייגונגען.

אזא ספר פאָפּולער געשריבן, צונעפירט פון מקור אין דער תורה, דורך דער „אגדה" און „דרשה" צו דער „הלכה", וואָלט אריינגעשטראָמט ליכט אין די מוחות פון די מאסן און יונגט די שאָטנס וואָלטן שוין ממילא אנטלאָפן.

* * *

די אויבן געשריבענע שורות האָב איך, שוין גאנץ לאנג געשריבן (אין די „ארטאדאָקסישע בלעטלעך" ארויסגעגעבן אין לאָדזש דורך דעם צעירים פערלאג „סגולה"). סהאט זיך אבער קיינער נישט אנגערופן. וויל איך אליין פרובן. אפשר וועל איך עס מאכן.

פערקוקענדיג זיך אויף די גרויסע, דארף מען שרייבן „די געשיכטע פון יודישקייט" אלס הקדמה צום „יודישקייט". (נישט די „געשיכטע פון יודישן פאָלק, נאר די געשיכטע פון יודישקייט).

בעזונדער, איז די געשיכטע פון יודישקייט — פון ריין־יודישע מקורים — א זאך אן־און־פאר־זיך, א זאך וואס דארף געשריבן ווערן. ווארום א גרויסער טייל עם־הארצות אין יודישקייט שטאמט פון עם־הארצות אין די געשיכטע פון יודישקייט. (איבער־הויפט ביי די וואס האבן געליינט די טענדענציעז־פאלש נעשרי־בענע געשיכטע ביכער.)

איך מאך נאר א פרוב. זאל דאס זיין א התעוררות פאר קאמפעטענטערע פון מיר, אנצושרייבן דאס בוך „ידישקייט", סוועט זיין עפעס גרויסעס געלייסטעט פאר יודן און יודישקייט!

ביים שרייבן די געשיכטע, הויב איך נישט אן פון משה רבינו, ווייל סאיז זער נוצליך צו וויסן פון די „מצות בני נח" און פון די אבות, דעריבער הויב איך אן פון אדם הראשון.

ד ע ר מ ח ב ר.

בעמערקונג.

סגעפונט זיך אין בוך, אזעלכעס וואס שמעקט מיט אפא־לאגעטיק געגן דעות כוזבות, טראגן דעם וואס סאיז קיינמאל נישט געווען אונזער דרך. דאס איז דערפאר, ווייל היינט ביים שול־צוואנג לערנט מען די יונגט דעות כוזבות. דארף מען שרייבן אפאלאגעטיק. נישט דירעקט, איז כאטש אונדירעקט.

הנ"ל.

ו׳ נ׳ י׳ א׳ ע׳ ו׳ י׳ כ׳ ע׳ ו׳ י׳ כ׳

א.

# אדם הראשון

דאָס וועלט קענטנים און דאָס וויסן פון אדם הראשון און די ערשטע מענשן. — זיי האָבן מיט זייער גרע־סערן קראפט און מוח און אויערן, געזען און פער־שטאַנען דאָס. וואָס מיר, מיט די אינסטרומענטן.—די דערפארונג פון זייער לאנג לעבן האָט זיי געגעבן מער ווי אונז די נאטור־פאָרשונג און ביכער.

די געשיכטע פון יודישקייט הייבט זיך אָן פון אדם הראשון. טראָץ די וועלטליכע וויסנשאפט וואס שטעלט זיך פאָר, די ערשטע מענשן אלס גאָר ווילדע. זי—די וועלטליכע וויסנשאפט — נעמט עס פון דעם, וואס מזעט, אז א מענש וואקסט אויס אָן ציוויליזירטע דערציונג, איז ווילד. די נאטור־פעלקער זענען ווילד. דעם מיטלאלטער קאָן מען פאר ווילד. דערפון דרינגט זי — די וועלטליכע וויסנשאפט — אז דער אור־אור־אלטער איז געווען גאָר ווילד. סאיז אבער נישט אזוי. ג־ט האט דעם מענש—צוגלייך ווי זיין גאנצע בריאה — בעשאפן אינגאנצן גוט. דער מענש אבער, האט זיך צוליב די תאוות כסדר וואס מער צעווילדעוועט, ביז ער האט זיך שוין געעקלט פאר זיך אליין. דאן קומט די ציוויליזאציע. זי בעדעקט מיט זיך דאס מענשליכע ווילדקייט. דע־ריבער, דער נישט ציוויליזירט־דערצויגענער, האט נישט וואס צו

פערדעקן זיין ווילדקייט, און ער זעט זיך ארוים אין זיין גאנצע העסליכקייט. „האלקים עשה את האדם ישר" (קהלת ז׳ כ״ט)

דאנעגן, ווענן די גאָר ערשטע בעדערפעניש, געפינען מיר ביי די חז״ל. „אלע בראשית-בעשעפענישן, זענען בעשאפן געוואָרן פאלקאם; אין זייער פולע הויך, אין זייער פולע פראכט", אַלזאָ, נישט בלויז ווייטערע ענטוויקלונגס-פעריאָדן, האָבן זיי נישט בע-דארפט, נאָר אפילו די עלעמענטארע ענטוויקלונג, וואָס יעדעס וועזן מאכט אדורך, פון געבורט ביזן פולן אויסוואקסן, האָבן די ערשטע בעשעפענישן נישט גענדארפט.

עס איז אויך פאַלש די מיינונג, אז זיי זענען געוועזן אונוויסענד וועגן וועלט-געבוי. די מיינונג שטיצט זיך אַויף דעם, ווייל זיי האָבן די ניי-דערפונדענע אינסטרומענטן, די וועלט צו דער-פאָרשן, נישט געהאט. און ווי מיר זעען עס פון מיטלאלטער און אלטערטום, אז זיי האָבן גאנץ קנאפע השגות געהאט פון דער וועלט-געשטאלטונג און איר צוזאמענשטעל. עס איז אָבער פאלש צו מעסטן דעם פארן-מבול-מענש, און נאָך מער אדם הראשון מיט די מאָס פון די שפעטערע אָן-אָן-ערך-שוואכערע דורות. סאיז בע-וואוסט, אז די פארן-מבול-בעשעפענישן זענען געוועזן פון א אַונגע-הויערע גרויס און קראפט.

די וויסנשאפט רופט זיי „פאר היסטאָרישע", און איז עס זיך משער, פון די אויסגעגראָבענע גרויסע ביינער וואָס מנעפינט.

די חז״ל אָבער, זאָגן אַונז גאנץ גענוי די הויך פון אדם הראשון. נאָך נאָכן זינדיגן (נאָכן זינדיגן איז ער נידעריגער גע-

וואָרן) איז ער הויך געווען הונדערט איילן*): זעלבסטפערשטענד־ליך, אז צוגלייך מיטן קערפער־גרויס איז אלעס אנדערע פון אים, ווי זען, הערן, פילן, דענקן, איז אויך געווען צוגעפאסט לויט דער זעלבער מאָס. (איבערהויפט, אז די חז"ל זאָגן עס אונז, מיינען זיי זיכער נישט בלויז קערפערליכע גרויסקייט נאָר אויך גייסטיגע). אלזא; מיר זעען פון א דריי־איילנדינע הויך. און אדם הראשון — פון א הונדערט איילנדיגע הויך. דריי און דרייסיג מאָל העכער ווי מיר. די זעהונגס־קראפט איז דאָך אויך געווען שטארקער פון אונזערע. און די דענקונגס קראפט צו בעדענקן און בעטראכטן דאָס געזעענע, אויך לויט דעם זעלבן רעכנונג, אלזאָ האָבן מיר א „לאָגאָריטמוס"־רעכנונג פון דריי מאָל דריי און דרייסיג (33 מאָל 33 מאָל 33) ד.ה. די אויפפאסונג פון דעם געזעענעם, איז געווען זעקס און דרייסיג טויזנט מאָל שטארקער ווי ביי אונז. אלזאָ האָבן די ערשטע מענשן, מיט זייערע נאטירליכע אויגן און שכל, בע־גריפן אזוי פיל, ווי מיר מיט אונזערע אינסטרומענטן!

ווען מען נעמט נאך אין בעטראכט זייער טויזנט יאָרן־לאנג לעבן מיט דעם רייכקייט פון דערפארונגען, וואס אזא לאנג לעבן גיט, פערשטייען מיר ערשט, אז מען דארף זיי נישט רעכענען פאַר ווילדע און אונוויסנדע:

מיר געפינען ביי די חז"ל, אז ערשט אין „דור אנוש", אַיי־נינע הונדערט יאָר נאכן וועלט בעשאפונג, (אַדער טויזנט יאָר לויטן רמב"ן) האט זיך דער גרויסער אקעאן אויסגעגאסן ביז די

*) די חז"ל האָבן עס געוואוסט פון „רוח הקודש", און פון זייערע רבים איינער פון אנדערן, ביז משה רבינו: משה רבינו האט עס געוואוסט פון די נביאה אויפן בארג סיני, און פון יוכבד און עמרם יוכבד פון יעקב, יעקב פון שם, שם פון מתושלח וואָס האָט געזען אדם הראשון און געלערנט ביי אים:

בערבערן פעלזן*) (גיבראלטער) און ביים מבול ביז חיפה און יפו. ד. ה. אז ביי דור אנוש האט דער אטלאנטישער אקעאן — וואס האט אונז אונוויסנדיג געמאכט וועגן אנדערן האלבן ערד־קוגל — נישט עקזיסטירט! און ביזן מבול תאט דער מיטעללנדי־שער ים—וואס טיילט אָפּ קלימאט פון קלימאט, ערדטייל פון ערדטייל נישט עקזיסטירט!

אלזאָ, אלע סיבות וואס האבן אונז אונוויסנדיג געמאכט, און מיר האבן זיך געגוויט צו כאפן זיך פארן אינסטרומענט האבן ביי אדם הראשן נישט עקזיסטירט:

ער האט אויך געוואוסט די נאטור טיפקייט פון יעדע בע־שעפעניש, אין צוזאמענהאנג מיטן בעשעפער. דערפון, האט ער פערשטאנען וואס פאר א נאמען ער זאל יעדעם בעשעפעניש געבן.

*) מדרש בראשית בבלי און ירושלמי.

# ב.

אדם'ס מצוות. — סאיז געווען א גאנצע תורה. — ביים אויספירן די מצות האט מען געמוזט קאנען די נאטור. — דאס קאפיטל צ"ב אין תהלים. — די וועלט אנשויאונג אדם'ס וואס מזעט אין דעם קאפיטל.

אדם הראשון, אזוי גוט ווי ער האט בעזעסן חכמה (וועלטליכע און געטליכע) גבורה (פיזישע און גייסטליכע) און עושר (אלעס איז דאך געווען זיין) די דריי פארבעדינגונגען צו נביאה. איז ער אויך, א נביא געווען. א נביא וואס האט מקבל געווען א תורה פון ג—ט: די תורה איז געווען פון צען מצוות.

א) נישט עסן פון עץ הדעת.
ב) נישט דינען עבודה זרה.
ג) נישט מבזה זיין ג—טס נאמען (ברכת השם).
ד) נישט הרגנען קיין מענש.
ה) נישט גזלן קיין געלט.
ו) גילוי עריות.
ז) כלאים, ד. ה. נישט אובערזעצן בהמות און בוימער פון איין מין אויפן צווייטן.

ח) נישט טוען קיין בעשעפעניש צום עסן.

ט) פריי' ורבי'.

י) דינים, ד. ה. איינארדנען געריכטן צו משפטן צווישן מענש און מענש, און אכטונג געבן, אז די אויבנדערמאנטע מצוות זאלן אויסגעפירט ווערן דורך די מענשן און בעשטראפן די שול-דיגע וואס וועלן אויף די מצוות עובר זיין.

יעדע איינע פון די צען מצוות ענטהאלט פיל איינצלהייטן. און, אחוץ דעם פשוט, האלטן זיי אין זיך אויך „רמז" „דרוש", און „סוד", אזוי, אז עס איז געווען א גאנצע תורה. וועגן דער מצוה פון נישט עסן פון עץ הדעת איז פול אין די „קבלה"*) ספרים (וועגן דעם פשוט פון דער מצוה האבן מיר גאר קיין אהנונג נישט, ווייל מיר זענען נישט אויף דעם ארט, ווי דער בוים געפינט זיך. און מיר ווייסן נישט וואס פאר א בוים דאס איז, אביסל פון דעם קאן מען פערשטיין פון דעם קאפיטל צ"ב אין תהלים — וואס אדם הראשון האט געזאגט ביים תשובה טוען אויפן חטא פון עסן פון עץ הדעת — פון דארט זעען מיר אז דורך דעם חטא פון עסן פון עץ הדעת, איז געקומען אויף דער וועלט רשעות און צדקות, רשעים און צדיקים. רשעות וועט גיין מיט א געהויבענעם קאפ. צדקות וועט זיך נישט אנזען. דורך דער תשובה אבער דערזעט ער, אז צום סוף וועט אלעס ווידער גוט ווערן. און אויך פארן „סוף" איז דא שטראלן פון אים. איינס פון די שטראלן איז

---

*) „קבלה" הייסט די איבערגענומענע תורה פון מויל צום אויער, און ווייל דער חלק „סוד" מוז איבערגעגעבן ווערן פון מויל צו אויער הייסט עס „קבלה".

דער שבת. אויף דעם זינגט ער „מזמור שיר ליום השבת"*).

מזעט אויך דערפון, אז ער האָט שוין געוואוסט פון שבת און זיין בעדייטונג.

אין דער מצוה נישט צו דינען די עבודה זרה, איז דאָ פיל צו לערנען. וואָס הייסט עבודה זרה. וועלכעס סהייסט, געדינט די עבודה זרה. צ. ב. ש. מען לייגט צו א גרעזל צו א מכה, זי צו היילן. ווער ספּערשטייט נישט די מכה, דאָס גרעזל, מיינט, אז סאיז עבודה זרה אָדער כישוף (כישוף, איז א אָפּצווייגונג פון עבודה זרה) דער וואָס פערשטייט עס אָבער, ווייסט, אז סאיז א נאטור=זאך. מוז דאָך, דער וואָס משפט א עבודה=זרה דינער, זיין קלאָר, אין אלע נאטירליכע מעגליכקייטן. אום צו וויסן, אז דאָס וואָס דער מענש האָט געטוען, איז נישט קיין נאטור=זאך, נאָר עבודה זרה.

אז ג—ט האָט אדמען געגעבן א מצוה, צו געבן טויט=שטראָף. פאר דינען די עבודה זרה האָט ער אים געוויס דער=קלערט די גאנצע נאטור, שוין צוליב דעם, אז ער זאָל נישט

---

*) דאָס וואָס סווערט אין דעם מזמור דערמאָנט מוזיק=אינ=סטרומענטן, וואָס יובל האָט ערשט שפּעטער דערפונדן קאָן מען דערקלערן. משה רבינו צי דוד המלך האָבן ביים איבערדיכטן צוגעגעבן די ווערטער וועגן מוזיק. אָדער, אז דאָס איז דער זין פון דעם וואָס זאָגט, (מדרש) אז דער פסוק, אז יובל האָט ער=פונדן מוזיק, — מיינט צו שפּילן פאר די עבודה זרה. די גופא מוזיק איז נאָך געווען פון אדם הראשון.

פעטמשפטן א אונשולדיגן*).

ביי די מצוה פון ברכת השם דארף מען וויסן, וועלכעס הייסט א שם און וועלכעס הייסט ברכת השם.

ביי די מצוה פון נישט הרגענען קיין מענש, דארף מען וויסן יורידישע כללים. ווי איז, אז יענער איז אים אנגעפאלן? ווען מעג ער יענעם דערהרגענען, און ווען נישט.

ביי די מצוה פון נישט גזלען, דארף מען וויסן דינים פון קנינים, צו וויסן מיט וואס א זאך הייסט יענעמס, און מטאר עס נישט גזלען.

ביי די מצוה פון גלוי עריות דארף מען וויסן, מיט וועלכע קרובים און מיט ווען מען מעג התונה האבן און מיט וועמען נישט.

ביי די מצוה פון כלאים, דארף מען וויסן די נאטור פון די תיות און די בוימער. כדי צו וויסן וועלכע—וואסזעען אויס ענליך איינס צום אנדערן — זענען איין מין, און וועלכע זענען צוויי מינים און ס איז כלאים. און ווי וויט סציט זיך דער „שיעור יניקה“.

אזוי איז אין יעדע מצוה דא פיל צו לערנען. איבערהויפט אין די מצות דינים. אין די מצות דינים זענען כמעט אלע דינים פון דער סדרה משפטים. ווי דינים פון גנבה, פון געגנארן ביים האנדלען, פון רויבן ארבעטס-לוין. דינים פון שומרים, פון געלד און קערפער-שעדיגונג. קרעדיט און האנדלס-ענינים א. ד. גל. אלעס אזוי ווי אין דער תורה וואס איז שפעטער געגעבן געווארן יודן (רמב״ן וישלח).

---

*) סגעפונט זיך א ספר רזיאל המלאך" וועגן פיל איבער-נאטירליכע זאכן, וואס איז נישט עבודה זרה. דאס ספר ווערט לויט דער מסורה פעררעכנט צו אדם הראשון. ווייזט אויס, אז סהאט אויך געדינט דעם צוועק צו וויסן וואס איז עבודה זרה און וואס נישט.

אלזא דער גאנצער יורידישער טייל פון דער תורה האָט אדם מקבל געווען, אין כלל פון מצות דינים.

דאָס איז געווען די ארבעט פון אדם, שטענדיג. צו לערנען מיט די מענשן, משפטן צווישן מענש און מענש. אויסצוברייטערן אלע איינצלהייטן פון די מצות און איבערגעבן די שפעטערע דורות, אזוי אז ער האָט ערפילט די זעלבע ראָלע וואָס די סנהדרין ביי יודן.

אזוי געפינען מיר, אז למך האָט פערקלאָגט זיינע פרויען ביי אדם'ן און זיי האָבן זיך ביי אים געמשפט:

## ג.

אדם׳ס ימים טובים. — קרבנות — קין און הבל. די לערע וועגן השגחה, בחירה, יצר הרע, עבירה גוררת עבירה, תשובה.

ווי סאיז שוין דערמאנט אין פריערדיגן קאפיטל, האט אדם שוין געוואוסט פון שבת. אויך וועגן ראש השנה, אז ער איז א יום הדין האט אדם געוואוסט, ווייל ג—ט האט אים געזאגט — דעם ערשטן ראש השנה — ווען ער האט אים געמשפט פארן עסן פון עץ הדעת אז דער טאג וועט זיין א יום הדין אויף אלע דורות*).

ער האט נעהאט נאך א יום טוב. די לעצטע אכט טאָג פאר די תקופה**) פון טבת, און די ערשטע אכט טאג, נאך די תקופה. ווייל דעם ערשטן טאג ווען אדם איז בעשאפן געווארן

*) דעריבער דארף מען אֵ פסוק, אז ביי „בני נח“ איז נישט ראש השנה קיין „מקרא קודש“ (תורת כהנים אמור)

**) „תקופה“ הייסט א פונקט פון זונען־לויף, אזעלכע זענען דאָ 4. תשרי, טבת, ניסן, תמוז. תקופת טבת הייסט דער קלענ־סטער טאג אין יאָר.

און אין דעם זעלבן טאג געמשפט געווארן צום שטארבן, איז געווען ראש השנה. פון דאן אָן איז דער טאָג קלענער און קלע־נער געווארן. האט ער געמיינט, אז דאס איז דער טויט, וואס קומט אויף אים.

די לעצטע 8 טאג פאר דער תקופה, ווענדיג אז סווערט מוראדיג פינסטער, האט ער געפאסט, געקלאָגט, געבעטן ג—ט, ער זאל נישט פערלוירן גיין. דערנאך, אז ער האָט געזעהן, אז דער טאג ווערט ווידער גרעסער האט ער שוין פערשטאנען, אז דער מנהג פון דער וועלט, איז אזוי, האט ער געמאכט אכט טאג יום טוב. די וויטערע יארן, האט ער די אכט טאג פאר דער תקופה און די אכט טאג נאך די תקופה געמאכט יום טוב ( מס' ע"ז ).

ווי אזוי ער האָט געפייערט די איבנדערמאָנטע ימים טובים איז צו אונז נישט דערגאנגען. נאָר ווי מקאָן זיך משער זיין. האָט ער שבת און ראש השנה געפייערט מער מיט ג—טס דינסט, ווייל ער האָט געוואוסט, אז זיי זענען הייליגע טעג. דעריבער געפונען יפיר זייערע שפורן אין די שפעטערדיגע דורות נאָר ביי די גע־ציילטע מענשן, וואָס האָבן זיך געהאלטן אין אדם'ס תורה ; (ביי נח, אברהם, יעקב, יוסף, משה — שבת און ביי איוב ראש השנה).

דאגעגן דעם תקופה יום טוב — וואָס איז צוליב פער־זענליכע שמחה — האָט ער — געווים — געפייערט מער מיט עסן טרינקן און זיך פרייליך מאכן*).

*) אלס אנאלאגיע קאָן דינען דער אופן פון פייערן הנוכה און — פורים. דאָס נס חנוכה איז געווען וועגן גייסט, איז דער יום טוב מיט גייסטיגע זאכן. דאָס נס פורים איז געווען וועגן קער־פער — איז דער יום טוב קערפערליך פרייליך).

דער יום טוב איז געבליבן ביי אלע מענשן. אויך שפעטער ווען זיי זענען געצן־דינער געווארן, האבן זיי אים נאך געהאלטן. ביי זיי איז ער געווארן א געצענדינערישער סימבאל. לכבוד די זון. ווייל דאס זונען ליכט ווערט גרעסער.

נאטירליך, האבן שוין ג—טס דינער דעם יום טוב נישט געקאנט האלטן.

זיינע שפורן זענען געבליבן ביי די אלטע רוימער. דאן איז ער געענדערט און מיט א אנדערן סימבאל איבערגעגאנגען צו די היינטיגע פעלקער.

עס איז געווען א עבודה צו ג—ט, וואס מהויב צו טוען איז עס אדם נישט געווען, נאר אז ער טוט עס איז עס א מצוה, און עס איז דא דינים ווי אזוי עס צו טוען. דאס איז די עבודה פון די קרבנות.

דאס קרבן, דארף זיין גאנץ, סזאל נישט פעלן קיין אבר.

עס דארף עס מאכן א מענש, וואס איז איבערגעגעבן צו ג—טס עבודה. געוואוינליך, איז דערצו ראוי נאר א בכור, אבער אויסנאם מענשן וואס הייליגן זיך מיט זייערע מעשים, ווערן זיי אזוי ווי בכורים (שם, יעקב) סאיז אויך געווען א אונטערשיד צווישען בהמה טהורה און בהמה טמאה. צום קרבן איז נאר ראוי די בהמה טהורה. אדם האט מקריב געווען א הארן־חי׳ (די הארן חיות זענען כשר) הבל שאף. ביי נחן געפינט מען אויך בהמה טהורה אין איננה טהורה.

פון דעם איז צו זען, אז די קרבנות זענען נישט בלויז — ווי טייל זאגן — אפצוציען פון עבודה זרה. דאן איז דאך נאך קיין עבודה זרה נישט געווען (רמב״ן).

קרבנות זענען בכלל חוקים — זאגט דער רמב״ם (ספר העבודה) חוקים, דאס זענען די מצוות, וואס מווייסט נישט זייער טעם. זיי זענען געגעבן געווארן אום ארויסצווייזן הכנעה פאר ג—ט. מפאלגט אים אויך מיט אזעלכעס וואס מפערשטייט נישט.

די קרבנות פון אדם, הבל, נח, שם, אבות דארף מען אָבער פערשטיין פון א אנדערן שטאנדפונקט. ביי זיי איז עס דאך נישט קיין חיוב, הייסט עס דאָך נישט געפאָלגט, ביי זיי זענען די קרבנות א סימבאָל, אז אלעס ווערט בטל צו ג—ט.

אדם הראשון, ארויסקומענדיג פון גן עדן, ווענדיג, אזא גשמיותדיגע וועלט; האָט ער מקריב געווען א קרבן (א דערנענטערונג) וויזענדיג, אז דער גאנצער וועלט=כלל, איז אזוי בטל צו ג—ט, ווי אָט דער, גרויס=קרעפטיגער, ברייט=פלאץ=פערנעמענדיגער אָקס, איז אין גאָרנישט פערוואַנדלט געוואָרן פאר ג—טס כבוד.

הבל, אדם׳ס זון, שפירנדיג זיך אלס בעל הבית איבער פיל סטאדעס שאָף, האָט ער ארויסגעוויזן זיין אייגן נישטיגקייט ווי בכלל דאָס נישטיגקייט פון דער גאנצער וועלט מיט דעם, וואָס ער תאָט איינס פון דעם אלעם לגמרי פערברענט, מבטל געווען פאר ג—טס כבוד. ער וואָלט חשק געהאט זיך ועלבסט צו פערברענגען אויף ג—טס מזבח. וואָס זאָל ער אָבער טוען, אז מטאָר נישט זיך זעלבסט הרגענען סאיז אין כלל [פון דער מצוה, „דו זאָלסט נישט הרגענען קיין מענש„ – נו... אויב נישט זיך זעלבסט איז כאָטש דאָס בעסטע שעפסל!

קין דאגעגן, האט גערעכנט אַז ער שענקט ג—ט א מתנה — א קרבן. אז א מתנה — מוז דאך נישט זיין דאס בעסטע. זיך זעלבסט, אוודאי און אוודאי נישט. דעריבער האט ג—ט זיין קרבן נישט אנגענומען.

קין זעט, אז ער איז נישט גוט, פערדריסט עס אים. פאר וואָס איז הבל גוט און ער—נישט. ג—ט ערקלערט אים, יעדער קען זיין גוט און נישט גוט. אויך ער קין, קאָן בעסער ווערן. ווען ער נאך זיין העכער ווי הבל, אז נישט וועט שוין דער „חטאת" (יצר הרע) ווארטן ביים איינגאנג (צום הארץ) און צו דיר איז זיין חשק (צו מאכן זינדיגן) אבער דו קאנסט אויף אים געוועלטיגן.

אלזאָ, די לערע וועגן יצר הרע און בחירה, האט ער אים געלערנט, כדי ער זאל בעסער ווערן. קין אבער, האט ער נאר געזינקן אין עגאָאיזם, האט ער שוין געזינקען ווייטער און ווייטער (עבירה גוררת עבירה) ביז... ביז ער איז געוואָרן א — ברודער-מערדער! דאן, פון זיך איגגאנצן, אראפגעווארפן דעם עול פון ג—ט. „און קין איז ארויסגעגאַנגען פון פאר ג—ט".

אדם, זעענדיג, אז נאָך קין'ס גאנצן זינקן, האָט ג—ט זיך פאָרט, געקערט צו זיין תשובה (א העלפט שטראָף האָט ער אים אראָפגענומען) האָט ער זיך גענומען תשוכה טוען אויף זיין הטא.

הונדערט און דרייסיג יאָר האָט אדם געפאסט. זיך געפיי-בינט, געזעסן אין טייך גיחון ביזן האלז און זיך געשיידט מיט דער ווײַבער. (חז"ל).

## ד.

קין'ס קינדער שפרייטן זיך און פילן אָן די וועלט. ווי זינדיגן. שת, אנוש און זיינע פשרות. דאָס דור אנוש און זייער שטראָף, די ענדערונג אינם געאָלאָגישן געבוי פון דער וועלט. חנוך, מתושלח, נח, דאָס דור המבול.

אדם'ס אָפשיידן זיך פון די וועלט, האָט געהאט פאטאלע פאָלגען. די וועלט האָט נאָר געקענט דעם ג—טלאָזן, מערדערישן קין. ער איז איר שטאם־פאָטער. פאטריארך און וועג־וויזער. הונדערט קינדער און זיבן דורות האָט קין געהאט. די וועלט איז פול געוואָרן פון קין'ס דורות.

די עגאָאיסטישע קינאיטען האָבן געוואָלט די וועלט, נאָר פאר דער אייגענער הנאה אויסנוצן. קין'ס פרימיטיווע רציחה איז שוין ווייניג געוואָרן, מהאָט שוין גענומען וואָפען שלייפן*), מזאָל שוין קאָנען ראפינירטער רציחות טוען (תובל קין) דער מאן און פרוי האָבן זיך שוין גישט בעטראכט, אלס דינער פון נ—ט, זיינע מצוות, זיין נאטור, און זיין נאַטור ווירטשאפט, נאָר אלס גענוס זוכענדיגע פערזאָנען. דער מאן איז אָבער שטארקער חאָט ער גענומען

---

*) ווי מזעט האָבן זיי שוין געהאט אייזן און קופער

צוויי פרויען. איינע האָט ער פערשקלאפט, און די צווייטע האָט ער פאר א עקרה געמאכט (למך).

ביי אזא פירן זיך, האָט מען שוין נישט געקענט אנערקע־נען ג—ט, אלס דעם איין און איינציגן וועלט־הערשער. וואָרום ג—ט דולדעט נישט אזעלכע זאכן.

האָט מען שוין געמוזט עבודה זרות זוכן (יבל יובל) אזא פנים האָט די וועלט געהאט ווען אדם האָט זיך צו איר צוריקגעקערט.

אדם האָט די וועלט א זון שת געבּרענגט. ביי שתן און ביי זיינע קינדער זאָל אדם'ס תורה בּלייבּן (שת האָט פערטרעטן הבל'ן).

אדם האָט שוין פערבּרענגט זיין גאנץ לעבּן מיט ג—טס עבודה. און מיט שירות ותשבּחות אזוי איז במסורה, אז דאָס קאפּיטל קל"ט אין תהילים האָט אדם געזאָגט. און אין לערנען מיט תלמידים די תורה וואָס ער האָט בּעזעסן. און אלע איינצלהייטן און הלכות. די הלכות האָבּן געטראָגן דעם נאָמען משנה. עס געפינט זיך ביי די חז"ל, אז זיין תלמוד מתושלח האָט געלערנט 900 סדרי משנה תנא דבּי אלי') די גרעסטע תלמידים זיינע זענען געווען שת, חנוך און מתושלח.

# שת, מתושלח.

שת, אדם'ס זון און תלמיד, ארויסקומענדיג אין דער וועלט, וועענדיג איר פערדארבענקייט, האט ער זיך נאך מער צוגעטוליעט צו אדם'ן, אנגעקלאמערט זיך אין זיין תורה;

נאך אדם, איז שת געווארן ראש פון די אלע וואס האבן זיך געהאלטן אין אדם'ס תורה.

זיינע גרעסטע תלמידים זענען געווען חנוך און מתושלח.

אנוש, שת'ס זון, האט געזען, אז די מערהייט וועלט — און ממילא אויך דער שטארקערער טייל, זענען ווייט פון אדם און שתס וועגן, האט ער א פשרה אויסגעקלערט:

ג—ט איז טאקע הערשער פון די וועלט. נאר די נידרינע וועלט האט ער איבערגעגעבן פערמיטלער צום רעגירן.

האבן זיך שוין שת'ס קינדער ביסלעכווייז צוגעריקט צו קין'ס און סאיז געווארן א פערדארבענע וועלט.

חנוך, אנושס אור-אור-איניקל, וועענדיג וואס אנושס סברות און פשרות האבן פערדארבן, איז ער געגאנגען לערנען דירעקט פון מקור, פון אדם. נאך אדם פון שת: אויך זיין זון מתושלח האט געלערנט ביי אדם און שת.

חנוך האט זיך אינגאנצן אריבערגעהויבן איבער די וועלט-ליכע זאכן. איז שטענדיג געווען פערנומען מיט ג—ט (התבודדות). ביז... ביז די וועלט איז נישט ווערט געווען אזא מענש. און ער איז יונגערהייט אוועקגענומען פון די וועלט נאך ביי שת'ס לעבן.

נאָך שתן איז מתושלח געוואָרן ראַש פון אַלע וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין אדם'ס תורה, געגאַנגען אין אדם'ס דרכים:

נאָך אדם'ס פּטירה, איז אנוש עפּענטליך אַרויס, מיט זיינע עבודה זרות. (רמב"ן) דאָס דור הייסט „דור אנוש".

די שטראָף איז געקומען. דער ים איז אַרויס פון זיינע ברזשעגעס און פערפלייצט אַ דריטל וועלט*). און די אויבערפלאַך פון די ערד איז געוואָרן בערגער און גריבער**). און די מענשן זענען געוואָרן שוואַכער און קלענער (ילקוט בראשית):

---

*) דערמיט פערשטייט מען, וואָס סגעפינט זיך אין תלמוד אַז דער ים איז נאָר אַ דריטל וועלט. כאָטש מיר זעהען דאָך, אַז דער ים איז פיל גרעסער. דאָס איז ווייל דער ים, איז ערשט שפּעטער, אַזוי גרויס געוואָרן דורך די אויסגוסן פון דור אנוש און דור המבול. די חז"ל אבער זאָגן די קבלה פון אדם הראשון וועגן בריאה: דאָס זעלבע וועגן ארץ ישראל גבוה מכל הארצות, די הויכע ערטער זענען ערשט שפּעטער ביים דור אנוש געוואָרן.

**) עס מוז זיין געווען אַ אויסערגעוועהנליכע ערד ציטער־ניש. אַז טאַקי געוואָרן אַלע בערגער און גריבער און דער ים איז אַרויס פון זיינע ברזשעגעס אויף אַ דריטל וועלט, די קאַטאַס־טראָפע מוז זיין געווען אַזוי אָנגעהויער, אַז מקאָן מיט רעכט זאָגן אַז די אַלע געאָלאָגישע אייגענשאַפטן פון די ערד, וואָס די געאָלאָגן זענען זיך משער, אַז סהאָט געדאַרפט דויערן מער וואו מיר האָבן במסורה, (די וועלדער איינגראָבונגען און דאָס פער־שטיינערט ווערן אַלס קוילן, קרייד א. ד. גל.) דאָס איז דאַמאָלט מיט איינמאָל געוואָרן, אַזאַ אומגעהויערע ערד־ציטערניש, און אודאי איז אויך געווען וואולקאַן־אויסברוכן, איז בכח אין איין מינוט, צו טוען דאָס וואָס נאָרמאַל דאַרף דויערן יאָהרן...

די וועלט איז בעסער געוואָרן. אָבער נישט אויף לאנג, סאיז באלד געקומען דאס פערדאָרבענסטע דור פון אלע דורות דאָס דור וואָס סאיז דערצו קיין שום תקופה נישט געווען. דאָס דור המבול:

מתושלה און זיין אייניקל נח האָבן געמוסרט און געזאָגט, נביאות געזאָגט און געמוסרט, זיי זענען נישט בעסער געוואָרן. וואָס אמאל ווערט דער קרייז מענשן ארום מתושלחן, שיטערער און שיטערער, ווען מתושלח ווערט נפטר בלייבט נישט מער ביי זיין שיטה נאָר נח און זיינע קינדער:

מתושלחס תלמידים זענען געווען; נח, שם, יפת.

# ה.

נח'ס נבואה, אז סוועט א מבול קומען: די שלוה פון דור המבול. נח'ס צרות. זיי לאכן פון נח'ן. נח'ס צרות זענען געווען צו זיין גוטן. די שלוה פון דור המבול איז געווען צו זייער שלעכטס, דאס האט געפירט צו זייער אונטערגאנג.

נח מתושלח'ס אייניקל לערנט ביי מתושלח'ן, אלעס וואס מתושלח האט גילערנט ביי אדם: די וועלט בעשאפונג, די יסודות פון די בריאה, דער צוזאמענהאנג פון ג-ט, וועלט, און מענש. די מצות און זייערע איינצעלהייטן.

נח גיט זיך אויך אפ מיט וועלטליכע זאכן, ער ערפינדעט דעם אקער אייזן, און די געצייג צו פעלד ארבייט.

נה שפייגט אין ג-ט'ס עבודה, ער דערגרייכט צו ווערן א נביא. בנביאה זאגט אים ג-ט, די מענשן זענען אזוי שלעכט אז זיי אלע מוזן פערלוירן גיין, דורך א וואסער-פערפלייצונג, (מבול) וועט די וועלט אפגעריינינגט ווערן. די נישט אזוי שטארק זינדיגע, וועלן ביז צו יענער צייט רוהיג אויסשטארבן. נאר ער נח און זיינע קינדער וועלן בלייבן לעבן.

ג-ט הייסט אים מאכן א „תיבה" (א פראטאטיפ פון א

שיף) אז ער און זיינע קינדער און אלע לעבעדיגע וועזנס, וואָס דארפן איבערבלייבן אויף גאָכן מבול, זאָלן אין דער „תיבה“ אריין און נאָכן מבול די וועלט צוריק אָפּצובויען.

דאס מאכן די תיבה איז געווען א שווערע לאנגיעריגע אר־בייט. זיי האָבן קיינמאָל נישט נויטיג געהאט צו בויען אזא גרויס בנין. און אין א שיף האָבן זיי זיך אוודאי נישט גענויטיגט. און סאיז נישט קיין וואונדער, וואָס אלע איינצלהייטן פון דער תיבה האָט ער געמוזט האָבן בנביאה, און סהאָט געדויערט הונדערט און צוואנציג יאָר.*)

דאָס בעשעפטיגן זיך ביי דער תיבה, דאָס ארבייטן דארף בעראונטערסירן מענשן. זיי דארפן געוועגליך פרעגן, וואָס דאָס איז. נח וועט ענטפערן, עס וועט א מבול קומען, ווייל איר זונדיגט אזוי שטארק. זיי זעהענדיג די שלעכטע נביאה, בעקרעפטיגט דורך מעשים, דורך שווערע און לאנג־דויערנדע ארבייט, דארפן מורא קריגן, און תשובה טוען. דאָס איז טאקע דער צוועק פון מאכן די תיבה. ראטעווען נח'ן וואָלט ג־ט אָן א תיבה אויך געקאָנט. (רש"י)

זיי אָבער לאכן אים אויס, זיי זעהען זיך אין גרעסטן וויל־טאָג. זיי האָבן קינדער אהן א שיעור. (וואָס מער קינדער יעדער האָט געהאט, וואָס מעכטיגער איז ער געווען. און וואָס מער בהמות און באָדן זיך ערוואָרבן.) דאגעגן נח האָט קוים צו די פונפהונדערט לעבנס־יאָהרן, א דריי קינדער און געגוג.

---

*) די הונדערט און צוואנציג יאָר תיבה ארבייט, מוז האָבן געהאט, א גרויסע ווירקונג אויף די טעכנישע אויסבילדונג פון די מענשן און זייער ציוויליזאציע.

ווען אין דעם טערמין וואָס נח האָט געזאָגט, אז סוועט א מבול זיין, שטארבט נח׳ס זיידע און רבי, מתושלח, דאגעגן דאָס מבול איז נישט געקומען. זאָגן זיי אירא̇ניש אז דאָס מבול, איז גאָר געקומען אויף אים.

דער אמת איז אָבער ווען מתושלח וואָלט לענגער געלעבט וואָלט ער געמוזט צוזען ווי זיינע קינדער קומען אום אין מבול.

ווען נח האָט קינדער אין דער יוגנד וואָלטן זיי בײַם מבול עלטער געוועזן פון הונדערט יאָר, אפשר וואָלטן זיי נישט ווערט געוועזן, ניצול צו ווערן. (פאַרן מבול איז דער מענש יונגער ווי 100 יאָר נישט געוועזן שטראָפבאר, פאר בת דין של מעלה. אזוי ווי היינט יונגער פון 20 יאָר.)

ווען נח וואָלט א סאך קינדער געהאַט, וואָלט ער זיי נישט געקאָנט אָפהיטן פון די פּפעציעלע „דור המבול עברות" וואָס אויף די עבירות ווערן געשטראָפט אפילו קינדער פאַרן שטראָפ־באָרן עלטער.

דאָס אויפהאַלטן דעם מבול נאָכן טערמין, איז געוועזן צוליב אין כבוד פון מתושלח׳ן מזאָל נאָך אים טרויען די אבילות טעג.

אזוי ארום איז נח׳ס און מתושלח׳ס שלעכטס געוועזן צום גיטן. און די רשעים׳ס וואילטוג — צום שלעכטן. צום — אונטער־גאנג.

די וועלט איז אזוי לאנג געוועזן האָפערדיג, אזוי לאנג נישט אויפגעהערט צו זינדיגן, אזוי לאנג נישט אויפגעהערט לצנות צו מאכן פון נח׳ן און זיינע מוסר רייד ביז... ביז דאָס מבול איז געקומען.

אלץ און אלעס איז אומגעקומען. אלץ און אלעס איז גע־וואָרן אראָפגעשוווענקט. נעבליבן איז נאָר, די אזוי אויסגלאַכטע

קליינע און שוואכע פאמיליע, נח מיט זיינע קינדער:

אזוי ארום איז פון קין וואס האט געוואלט די גאנצע וועלט ירשנען, נישט געבליבן קיין יורש! אבער אין גאנצן אויף גארנישט איז קינ'ס בעשאפונג נישט געווען. נח'ס פרוי איז געווען פון קין. די וועלט זאל זיין צוזאמענגעשטעלט פון אידעלך שת און גראבן קין. סזאל זיין א פרייער ווילן צו גוטס און שלעכץ. (בחירה)

# ו.

דאָס אריינגיין אין די תיבה. דאָס ענטשטיין פון שווארצע און פערביגע ראסן. דאָס שלעכט ווערן פון די לופט און דאָס ענטשטיין פון קראנקהייטן. דאָס שוואַך ווערן דער „קשת". די מצות „אבר מן החי" דאָס ענטשטיין פון שקלאפן.

נח בעקומט נביאה פון ג-ט, אז ער זאָל אריין אין דער „תיבה" דערביי פערווערט אים ג-ט, דאָס פאמיליען לעבן. (איינס פון טעמים דערויף איז אלס טרויער אויפן מבול. טראָץ זייער רשעות וואָס זיי האָבן אים געפייניגט און אויסגעלאכט.)

קין'ס בלוט וואָס שטעקט אין נח'ס קינדער, האָט שוין אין די תיבה געבוזשעט ביי חם, ער פירט זיין פאמיליען לעבן אין די תיבה. ג-ט שטראפט אים, ער האָט א שווארץ הויטיגן זון „כוש".

דערפון שטאַמט די שווארצע ראסע. ממילא אויך די פאר-ביגע ראסן.

נאָך 12 חדשים מבול משפט, נייט נח, אויף ג-טס בעפעל ארויס פון דער תיבה. ער פערשטייט ג-טס רמז, מ'טן בעפעל

אָפּצוראַטעווען די טהור'ע בהמות צו 7 — ער איז מקריב פון זיי קרבנות.

סאיז פאַר אים א זכות, וואָס ער האָט אליין פערשטאנען, און אויסגעפירט ג-טס רצון. ג-ט שווערט אים צו אז ער וועט שוין מער קיין מבול נישט ברענגען.

עס וועט שוין נישט זיין שטענדיג אזא ריינע, טרוקענע, אנגענעמע און געזונטע, פרילינג לופט. עס וועט זיך פיל מאָל צוזאמענטרעפן זון אין וואָלקענס — ווארעמקייט און פייכקייט — וועט ממילא איין מענש זיך דערקילן, איינעם וועט דער קאָפּ ווי טוען, איינעם א צאהן איינער וועט האָבן א סיבה רח"ל מיט א טינד (חז"ל).

סוועט די מענשן שוין נישט אזוי וואויל זיין, וועלן זיי האָבן מער הכנעה, וועלן זיי זיך נישט אזוי צוברויזן.

ווען זיי וועלן אפילו יאָ זינדיגן וועט אויך דורך די אלע קראנקהייטן און צרות, אפגערעכנט ווערן פון די שטראָף. אזוי אז עס וועט נישט צוקומען ביז צום מבול*).

דער „צייכן" פון דעם איז דער רעגנבויגן. די זון שיינט אויף די וואָלקנס ווארעם און פייכט, פארן מבול איז דאָס נישט געווען. דערפון וייער הויכקייט שטארקייט און לאַנג לעבן. זייער לופט איז געווען א גאַנץ יאָר אזוי ווי פרילינג אין ארץ-ישראל.

נח שטיינט אין נביאה. ער דערגרייכט מקבל צו זיין מצות פון ג-ט. ער איז מקבל צוויי מצות.

*) סאיז נישט קיין שינוי רצון. סהאָט באלד אזוי בעדארפט צו זיין, פארן מבול אזוי, און נאָכן מבול אנדערש אסברא אונז צו ווייזן, אז דאָס וואָס אונזער לעבן, איז פול מיט ליידן, איז צו אונזער גוטן. פארן מבול זענען דאָך די ליידן נישט געווען האָט דער וואוילטאָג א מבול געברענגט.

1) נישט עסן אבר מן החי (אדם האָט געהאט א מצוה נישט צו טויטן קיין זאך צום עסן, פון נח האָט ג-ט דעם פערבאָט אראָפגענומען, ווייל נאָר דורך נחן, זענען אלע געראַטעוועט גע-וואָרן (רמב"ן בראשית א׳ כט׳) פון נח׳ן אָן מעג מען שוין עסן פלייש, אבער נאָר אז די חיה איז שוין טויט. דאגעגן אז די חיה לעבט נאָך טאַר מען נישט עסן דערפון קיין אבר.

2) סזאָל נישט אדורך גיין קיין מעת-לעת, אום געטוען קיין קיין מלאכה (בן נח ששבת) דער זין פון דער מצוה איז (לויט וויפיעל מען קאָן פערשטיין) די וועלט צו בויען און נישט ליידיג גיין. ליידיג גיין ברענגט צו אלעם שלעכטן, אָזש ביז א מבול.

נח האָט זיך באלד גענומען, מקיים זיין די נייע מצוה — די וועלט אויפצובויען — ער האָט געפלאנצט א ווייגאָרטן.

ער האָט דעם ווייַן געטרונקען די זעלבע דאזע וואָס פארן מבול. ער האָט נישט געוואוסט אז נאָכן מבול, זענען די מענשן שוואכער געוואָרן, און די דאזע ווייַן וואָס ער האָט פארן מבול געקענט פערנעמען, האָט אים יעצט שכור געמאכט... (תורה קא-מענטאָרן) (ש׳א לקוטים) ער האָט בעדארפט עפעס אנדערש פלאנצן פארן ווייַן וואָלט אים שוין די דערפאהרונג געדינט ביים ווייַן:

קינ׳ס שפורן האָבן זיך ביי חם ווידער ארויסגעוויזן, ער האָט דעם פאָטער מיעס מבזה געווען. דאגעגן שם און יפת האָבן אים מיט אויסערגעוועגליכע ענערגיע און דרך ארץ מכבד געווען.

נח האָט זיך דערוויסט דערפון, האָט ער געבענשט שם׳ן מיט ג-טס עבודה און נאָנקייט און יפת׳ן מיט ברייטע גרעניצן (די מאָנגאָלישע, סלאווישע גערמאנישע און לאטיינישע ראסן זענען אלע פון יפת׳ן — יאָפיטן). דאגעגן חם׳ן האָט ער זיין זין כנען פערשאָלטן, פאר א שקלאף.

## ז.

די לעצטע יאָרן פון נח. שם און עבר. נמרוד — אמרפל=האמורבי. די געענדערטע אויפפאסונג וועגן וועלט=אל. די געזעצן פון האמורבי מיט טעזיסן פון עברים גייסט. דאָס ענטשטיין פון די מענשען=ענליכע מאַלפעס. די עברים.

די גאנצע וועלט איז דאן געווען, איין משפחה. די משפחה „בני נח". נח לערנט מיט זיי די „מצות בני נח" ד. ה, די גאנצע תורה פון אדם, און די צוויי מצוות וואָס נח האָט געהאט בנביאה. און די חכמה וואָס שטעקט אין די מצוות. די חכמה וואָס אין דער בריאה, די זינד און די שטראָף פון „דור אנוש" און „דור המבול" דער צוזאמענהאנג פון אלעם מיטן בעשעפער. און בכלל, אלעס וואָס ער האָט געהאט בקבלה פון מתושלה און מתושלח פון אדם.

זיינע גרעסטע תלמידים זענען געווען; שם, יפת, אשור, אַרפחשד, שלח, עבר און אברהם.

## שם און עבר.

שם האָט געלערנט ביי מתושלח און נח. נאָכן מבול אז נח האָט עוסק געווען, מער אין מצוות מעשיות — אין אויפבויען

די וועלט האָט שם איבערגענומען דאָס לערנען מיט די תלמידים. שפּעטער איז צוגעקומען שם'ס אור אייניקל עבר.

זייער בית מדרש איז בעוואוסט אלס דאָס בית המדרש פון שם און עבר. זיי זענען אויך נביאים געווען. שם האָט נביאות געזאָגט 400 יאָר, זאָגט דער „תנא דבי אליה", א גרויסער נביא איז געווען עבר, זאָגן די חז"ל. מיר געפינען אויך אין תלמוד "בית דינו של שם.

די וועלט האָט זיך געפירט צופרידן, אונטער ג-טס ממשלה לויט נח'ס תורה, נאָר די תאמיטן (בני חם) האָבן זיך עפעס ניישט געפילט בעקוועם, אין די ראמען פון נח'ס לערע. לויט נח'ן זענען די תאמיטן נידריגער וואו די אנדערע. א טייל פון די תאמיטן — די כנענים האָט דאָך גוט פעראורטיילט צו שקלאַפעריי.

די תאמיטן האָבן זיך געפילט אונבעקוועם לויט נח'ס תורה אָבער צום אָוועק גיין פון נח'ס לערע האָט זיי געפעלט מוט. וואָרן אפּרייסן זיך פון אלע מענשן? הייסט זיך דאָך נאָך נידריגער בעשטעלט. מיטציהען אלע? ווייסט דאָך די וועלט די שקעלהאפטע מעשים פון פאַרן מבול, ס'עקלט זיך יעדן דערפון. ווייסט דאָך די וועלט וועגן מבול. סהאָט יעדער דערפאַר מורא.

צווישן די תאמיטן האָט זיך געפונען א „העלד" נמרוד*) דער זון פון כוש בן חם. ער האָט בעוואוסטזיניג א מרידה געגן ג-ט געמאכט.

---

*) נמרוד האָט אויך געהייסן אמאַראַפעל לויט די אָריענטאַלישע אויספאַראַך. דערפון אין כאלדעאיש האמאראבל — האַמוראבי.

שטאָט'ס שקלאַפעריי — האָט ער די ממשלה גענומען. שטאָטס נח'ס לערע ווענן ג-ט — האָט ער עבודה זרות אויסגע-קלערט. ער האָט א גאנצע מיטאלאָגיע געשאפן.

אום די וועלט זאָל נישט עקלען פון די מעשים פון פאר מבול — האָט ער די לערע נח'ס, ווענן ענינים צווישן מענש און מענש און די זיטליכקייט לערע, אדורך-געפלאָכטן מיט זיין מיטאָ-לאָגישן געזעץ בוך *) (מן המבול נגדרו האמות מן העריות, באהבה היו נוהגין זה בזה) (חז"ל).

אום די וועלט זאָל נישט מורא האָבן פאר מבול, דער-קלערט ער אז דאָס מבול איז געווען א נאטור זאך. דער הימעל האָט זיך נאָך נעלאזט האָט דאָס וואסער וואָס אויף איהם אראָפ-געריגען ממילא בילדעט זיך ביי זיי א פאלשע פארשטעלונג ווענן דער נאטור און ווענן וועלט-אַל**)

ער עצהט דעריבער די מענשן צו בויען א טורם אונטער-צושפארן דעם הימעל.

ער האָט אויך דערמיט געוואָלט זיי האלטן אויף איין אָרט כדי ער זאָל זיי פעסטער האלטן אונטער זיין ממשלה, האָט ער

---

*) דעריבער האָט מען געפונען אין כאלדעאישן א געזעץ בוך ענליך צו תורת משה פון חאמוראבי-נמרוד וואָס האָט גע-לערנט ביי זיין פאָטער כוש די מצוות בני-נח וואָס האָבן אסאך ענליכקייט צו תורת משה.

**) אלע וואָס ווילן פון זיך אראָפוואַרפן דעם עול פון דער אמונה, און ווילן דערקלערן די ניסים אלס נאטור זאכן, ווערן פערנארט אין דער נאטור-וויסענשאפט, זעלבסט. אזוי ווי נמרוד האָט פערנארט געמאכט אלע מענשן אויף פיעל דורות ארויס.

זיי איינגערעט אז זיי זאָלן דווקא וועלן וואוינען אין איין טורם. ג-ט האָט זיי אָבער ארײנגעגעבן א גייסט, נאָר צו זיכן אַלץ נייע לענדער אַזוי אז זיי זאָלן זיך פערשפרייטן אויפן גאַנצן ערד-קוגעל.

א אנדענק פון יענעם דור איז געבליבן די רואינען פון א דריטל טורם. און די מאלפעס, א טייל פון יענע מענשן זענען אלס שטראָף פאר זייער שווער זינדיגן אין מאלפעס פערוואנדלט געוואָרן (דערפון דערנעמט זיך דאָס ענליכקייט פון אַ מאלפע צו א מענש). און דער דראנג פון די מענשן אלץ נייע לענדער. עס ווערן ארײנגעצויגן אין נמרודס נעץ נישט נאָר די חאמיטן, נאָר אויך די יאפיטן (בני יפת) און א איבערוויגענדע טייל סעמיטן.

נאָר אַ קליינער טייל גרופירן זיך ארום שם און עבר. שם גיט זיך אָפּ מער מיט ג-טס עבודה, ער איז כהן גדול. (געווענליך כהנים זענען געווען די בכורים.) עבר גיט זיך אָפּ מיט די תלמידים און בכלל מיט יעדן וואָס וויל לערנען ג-טס דערקענטניס און זיין עבודה. און דאָס גאנצע וויסן נח׳ס. די אלע תלמידים האָבן דע-ריבער דעם נאָמען „עברים".

די הויפט תלמידים פון שם ועבר זענען געווען; ארפכשד שלח, אשור, אברהם יצחק יעקב.

## ח.

## אברהם „העברי"

די פינף צדיקים, אין דור הפלגה, אחד הי' אברהם אברהם זוכט דעם בעל הבית פון דער וועלט. דער בעל הבית ענטפלעקט זיך פאר אים. ער גייט צו נח'ן לערנען. אברהם אגיטירט אין די גאסן אין מערק. אברהם גרינדעט א רעליגעזע סעקטע עברים. נמרוד ווארפט אברהם'ן אין קאלך אויבען. אברהם גייט ארויס לעבעדיג. אברהם אגיטירט ווייטער דעם עברים גייסט. די עברים סעקטע צעוואקסט זיך. די מענשן פון יענער זייט ים. חאמיטן און טיגקל הוי-טיגע.

א פינסטערע צייט איז געווען, די וועלט איז איינגאנצן נמרודס ער איז איר מלך, ער קלערט פאר דער וועלט אויס, אלץ זינקענדערע עבודה זרות. נח דער פאטער פון אלע מענשן, איז פערטועו אין מצוות ישוב העולם, ער פלאנצט, זייעט, אקערט בויט, ער זעט נישט וואס אויף דער וועלט טוט זיך. שם און עבר האבן מורא פארן גאסן שטראם ער זאל זיך נישט אריינרייסן צווישן די תלמידים? טוליען זיי זיך און זייערע תלמידים איין אין

די בית המדרש וועגד. אשור זעט אז זיינע קינדער הערן נמרודס עצה, גייט ער אוועק פון לאנד. ער גרינדעט דאס אסירישע לאנד (ארץ אשור*).

און די וועלט? די גאנצע וועלט בכלל? איז פינסטער און פינסטער!

איינער נאָר האָט זיך געפונען וואס האָט ליכטיג געמאכט די וועלט! אחד הי' אברהם (חז"ל). אברהם'ס פאָטער תרח' דער זון פון נחור א איראייניקל פון עבר, איז געווען איינער פון די פיל סעמיטן וואָס זענען מיטגעשטאנען מיט נמרוד'ן. סהאָט געש־טעקט דערין אויך פרנסה, ער האָט געהאנדלט מיט געצן. ער האָט געוואוינט אין נמרודס הויפט שטאָט אין כאלדעאישן „אור“ אזוי אז אברהם איז געבוירן געוואָרן אין א דערדריקענדע עבודה זרה אטמאָספערע.

אברהם אבער האט מיט זיין דריי יעריגן שכל דערשפירט די ליגענס פון די עבודה זרה קולט. עלטער און קליגער ווערענ־דיג האָט ער כסדר געפאָרשט און געשטרעבט צו דערגיין ווער איז פאָרט דער בעל הבית פון פאלאץ וועלט?

קאָן מען דען זאָגן אז אזא פרעכטיגער פאלאץ איז אָן א פירער?

האָט ער יאָ איין פירער; פארוואָס לאזט ער דעם פאלאץ ברענגען?

די רשעים נמרוד און זיינע משרתים פערברענען דאך, מאכן דאך א תל פון דעם פאלאץ!!(ש.א.)אזוי האט ער געטראכט און געפארשט געפארשט און געטראכט, ביז — ביז א נביאה פון ג־ט האט אים געזאגט איך בין עס דער בעל הבית פון „פאלאץ!“

---

*) דעריבער איז געבליבן ביי אשורן, דאָס הייליגע כתב אַשורית ער האט דאס נעהאט פון פארן דור הפלגה.

איך וויל עס אזוי, אז סזאלן זיין רשעים וואָס מאַכן א תל פון דער וועלט, און א סך חונפים וואס חנפּענען די רשעים. און פון דעם גאנצן פינטטערניש זאל ארויסשייגען איינער, וואס זאל זיין מוטיג, ער זאל זיך דאס אלץ אקייגנשטעלן. (ווי סלוינט, אז איין מענש זאל במשך זיין לעבן פערצערן פיל געוואוקסן, עופות און בהמות, ווייל צוליב דעם איינעם מענש לוינט אלץ).

דאן אז ער האט שוין געוואוסט. אז סאיז דא א איינציגער ג—ט אויף דער וועלט האט ער זיך אויפגעזוכט דעם אלטן וועלט-פאטער, נח אין דער ישיבה פון שם ועבר. ער האט פון זיי גע-לערנט, אלץ וואס זיי האבן געלערנט פון מתושלח אדם'ס תלמיד. וועגן די בריאה און אירע סודות. די מצוות פון אדם און אירע סודות. דער מבול און זיינע סודות. די נביאה און די נייע מצוות פון נח. די עבודה פון שם אלס כהן גדול. די נביאה פון עבר, בכלל ג—טס דרכים און זיין עבודה. אזוי, אז צו 48 יאר האט ער שוין פאלקאם דערקענט ג—ט, — אויף וויפיל א מענש איז בכח ג—ט צו דערקאנען (רמב"ם).

ער האט זיך אבער נישט בעגנוגנט דערמיט, וואס זיין דורשט נאך עבודה און וויסן איז געשטילט, נאר איז אויך אין דער גאס, צו דער וועלט ארויס. ער האט גענומען שרייען און אגיטירן אין די גאסן און מארקן „פארוואס זענט איר אזוי פער-בלענדעט פון נמרודס עבודה זרות?! פארוואס לאזט איר זיך נארן פון נמרודן?! קומט און לאמיר גיין צו עברן אין בית המדרש אריין וועט מען דארטן לערנען דעם אמת".

ער האט געשאפן ארום זיך גאנצע מחנות, וואס האבן געלערנט, און זיך געפירט לויט די תורה פון עברן. אזוי ארום האָט ער געשאפן א רע ליגיעזע סעקטע עברים.

נמרוד האט נישט געשוויגן. ער האט געזען, אז אברהם ווערט פאר אים געפערליך, האט ער בעפוילן, און מהאט אברהם'ן אין

קאלך אויוון אריינגעווארפן!

ג-ט האט אברהם'ן מציל געווען. ער איז פון קאלך אויוון ארויס לעבעדיג! אבער נמרוד איז נישט אפגעזעסן. ער האט גע-זאגט או ס'איז כישוף (רמבן). (עס איז אַ כלל, אז דער וואס מאכט א רבים זינדיגן, לאזט מען אים מן השמים נישט צו, צו תשובה. מגיט אים געדאנקען אין קאפ, אז ער זאל זיך פערעקשנט האלטן ביי סזייניגע. דאס איז אויך געווען דער פאל ביי נמרוד).

נאך דער הפלגה, די וועלט איז צוטיילט אויף פעלקער און מדינות. נמרודס ממשלה איז שוין נישט איבעראל. האט אברהם א ברייט פעלד צו אגיטירן דעם עברים געדאנק. די מענשן האבן שוין נישט מורא צוצושטיין צו אברהם'ן.

איבערהויפט לאזט זיך פילן אברהם'ס אגיטאציע, אין ארם זיין שטאם לאנד, אין חרן זיין פאמיליען שטאט. מיר געפונען אין חרן, נאך אין די שפעטערע יארן, מענשן מיטן עברים גייסט, ווי איוב פון לאנד עוץ, אליהו בן ברכאל פון דער משפחה בוז, (עוץ און בוז זענען געווען חרן בירגער) רבקה, רחל, לאה, בלהה זלפה און אויך בלעם.

אברהם ציט דאן אויף ג-טס בעפעל, אין לאנד כנען. דארט אין לאנד ווי עס געפינט זיך דער גרויסער וועלט-טראקט. דער וועג צווישן אפריקא, אזיען און אייראפא. (די וואוין ערטער פון דער דאמאלסדיגער מענשהייט*) האט אברהם ערשט בעקומען א

*) אויסער א טייל תאמיטן וואס האבן חשק געהאט, זיך אממערסטן צו דערווייטרן פונם וועלט צענטר, ווי עס האבן גע-וואוינט נח, שם און עבר. זיי זענען אריבער די ימים וואס זענען ענטשטאנען נאכן דור אנוש און דור המבול. דער ים האט זיי נישט געשראקן. זיי האבן געוואוסט, אז די תיבה איז געגאנגען א גאנץ יאר אויף אים וואס האט פערנומען די גאנצע וועלט.

פריי פעלד בעוואוסט צו מאכן ג=ט נאמען אויף דער וועלט. די עברים סעקטע איז געוואקסן.

די אונז בעקאנטע עברים מיטגלידער, זענען געווען אליעזר ענר, אשכול, ממרא, הרן, לוט, ישמעל, בני קטורה. פון די בני קטורה שטאמט געווים דער נביא בלדד השוחי (פון שוח, איינער פון די בני קטורה) און אויך יתרו (פון מדין, איינער פון די בני קטורה.

די לענדער זענען זיי בעוואוסט, זיי האבן געהערט פון זיי פון פארן דור אנוש.

פונדאנען, וואס אין די ווייטע מעבר לים לענדער, וענען די מענשן פון די פארבינע ראסע, אלזא חאמיטן.

## ט.

# די פאַמיליע עברים.

אברהם בעט אויף קינדער און ג—ט זאָגט אים צו. — די מצות מילה. — תפילת שחרית. — מעשר. — אהבה — גמילת חסדים קרבנות. — עקידה.

אברהם האָט געזען, אז טראָץ דעם עברים־גייסט, ווערט די וועלט פינסטערער און פינסטערער, די תאוות און ווילדקייט ברענגען מיט אפפאל פון ג—ט און אונוויסנהייט. די אונוויסנהייט און ג—טלאָזיגקייט ברענגט ווידער מער תאוות, מער ווילדקייט. עס ווערט נאָך בעקרעפטיגט מיט — אן אזוי גערופענע — „ווי־סענשאפט" און מיטאָלאגיע. אזוי, אז מיט דער צייט, וועט זער שווער זיין זיך צו האלטן ביים עברים גייסט. און ער וועט פער־שוואונדן (סאיז טאקע שפעטער אזוי געוואָרן) דעריבער האָט ער ג—ט געבעטן, אז ער זאָל אים מיט א זון בעשענקן. סזאָל פון אים ארויסקומען א משפחה, וואָס זאָל אין בלוט און פלייש בעזיצן דעם עברים־גייסט, אז דער ווילדער שטראָם זאָל שוין דעם גייסט נישט ארונטערשווענקן.

ג—ט זאָגט עס אים צו. ער וועט אים געבן א זון. סוועט פונם זון ארויסקומען א נאציע. זיי וועלן בעזיצן דאָס לאנד כנען. דאָרט פירן א הייליג לעבן, זיין אַ מוסטער פאר אלעמען.

אברהם ווייסט, אז סאיז נאָך דאָ א יצר הרע און נסיונות.
ער פרעגט ווי וועט זיין, אז זיי וועלן נישט זיין אזוי הייליג?
ער בעקומט בנביאה א רמז אויף די גאנצע יודישע גע-שיכטע.

אז דאָס בית המקדש מיט די קרבנות וועלן זיי דער-האלטן ביים יודישקייט, הייליגקייט. אפילו זיי וועלן דאָס נישט ווערט זיין, וועלן די גלותן מיט די יסורים דערהאלטן ביים יודיש-קייט, אלס פראטאטיפ פון דעם, וועט זיין דאָס גלות און די גאולה פון מצרים, ווען די קינדער וועלן זיין אין די שווערע גלותן, וועלן זיי צוריקקוקן צו די געשיכטע פון מצרים, וועלן זיי בעקומען אויס-דויער. און וועלן בלייבן ביים יודישקייט ביז זיי וועלן זוכה זיין און בעקומען דאָס לאנד כנען. פון „נהר מצרים" („וואדי על אריש" אין דרום מערב) ביזן טייך פרת („עפראט" אין צפון מזרח) גאנצע צען אומות (דאָס איז נאָך נישט מקוים געוואָרן, מיר האָבן נאָר געהאט זיבן, דאָס וועט ערשט זיין ווען משיח וועט קומען) דא-מאָלסט ערשט וועט הערשן ג—טס כבוד אויף דער גאנצער וועלט, אזוי ווי זיין אברהםס חשק!

אברהם שטייגט אין נביאה, ביז דער מדרגה פון מקבל זיין מצוות פון ג—ט. ג—ט גיט אים די מצות מילה. אלע מענער פון אברהםס קינדער זאָלן דורך א בלוט-אָפּפערעציע ווערן געפאָרמט לויט ג—טס רצון. (ביי פרויען איז נישט צו פערלאנגען אזא שווערן בלוט צייכן). און נאָך בעדייטעט די מצוה*), אז אלע יודי-שע מענער זאָלן געצייכנט זיין, אז זיי זענען ג—טס דינער. (מע-נער קומען מער אין בערירונג מיט פרעמדע פעלקער, דורך מסחר, מלחמה און מלוכה-פירונג. דאגעגן, א פרוי, זיז „דער גאנצער כבוד אפרינצעסינם — אינוויינינ".

*) סאיז דערלויבט צו זוכן אויסערליכע טעמים אויף מצוות

אויסער די „מצוות בני נח" וואָס די גאנצע וועלט איז מחויב, אויסער די מצוות מילה וואָס אַברהם איז מחויב געוואָרן, אויסער די עבודת צו ג—ט, וואָס ער האָט געלערנט ביי נח, שם ועבר (קרבנות) און א חוץ דיעם וואָס ער האָט מיט זיין רוח הקודש פערשטאנען, וואָסערע מצוות ג—ט וועט געבן די יודען — און ער האָט זיי מקיים געווען, האָט ער מיט זיין בית דין פון זיי־נע עברים תלמידים מתקן געווען (אזוי ווי די שפעטער מצוות דרבנן) די מצוה פון דאוונען אלע טאָג.

עס קומט דער פרימאָרגן. די זון איז ארויס מיט איר פראכט אלעס וואכט אויף צו א פריש לעבן.

דער מענש קומט אויף. ער איז פול מוט און שטאָלץ. זאָל ער ג—ט בעטן, וועגן זיין גאנצן בעדארף. זאָל ער נישט רעכנען אז מיט זיין ארבעט, מיט זיינע מיטלען וועט ער געפינען זיין בעדארף נאָר ער זאָל זיך אין זיין ארבעט און זיינע מיטלען, און אלעס וואָס ער פערמאָגט, איבערגעבן אין ג—טס מאכט. פון אים און נאָר פון אים זאָל ערזיך אויסבעטן זיין בעדארף!

מיר געפינען אויך, אז אברהם האָט געגעבן מעשר (10% פון פערדינסט) דעם כהן מלכי צדק (שם).

ער האָט אויך צוזאמענגעשטעלט די הלכות פון עבודה זרה. — וואָס סאיז עבודה זרה און וואָס נישט. און אַלע אנדערע דינים פון אָפהיטן זיך פון עבודה זרה—אזוי, אַז עס איז געווען א מסכת פון 400 פרקים.

פונם בעגריף פון אחדות אלקות אין ברייטן זין פון דאזיגן וואָרט — אַז די נשמה פון אַלע וועלטן, פון אלע וועלט דעטיילן, פון די גיגאנטישסטע, ביז די מיקראָביסטישסטע, איז איין און דער זעלבער ג—ט. פון אָט די טיפע הכרה איז ארויסגעדרינגען זיין גרויסע ליבע צו ג—ט. די ליבע פון קערפער צום האַרץ, פון האַרץ צו דער נשמה.

דערפון איז אויך ארויסגעדרינגען זיין גרויסע ליבע צו

מענשן. די ליבע פון איין קערפער טייל צום אנדערן. די שלעכטע מענשן זענען ווי האר און נעגל אין קערפער. מדארף זיי — ווען זיי שטערן דעם קערפער בוי — ארום שערן, ארום פוצן, אבער קיינמאל נישט אויסרייסן מיטן ווארצל. דאס טוט ווי דעם קערפער גופא.

דערפון, זיין מלחמה מיט נמרודס חבריא, און זיין בעטן אויף די סדומים. די אפשוואכן — יא, און די פערניכטן—נישט.

די ליבע צו ג-ט, האט ער אויסגעדריקט אין קרבנות מקריב זיין. און, אין גרים מגייר זיין, פערגרעסערענדיג אלץ כסדר דער עברים סעקטע — ג-טס מתנה.

די גרעסטע מאס ליבע צו ג-ט האט ער אויסגעדרידט און װעלן אויף ג-טס בעפעל מקריב זיין, זיין זון צו ג-ט, די בעוואוסטע ע ק י ד ה.

די ליבע צו מענשן האט ער אויסגעדריקט אין הכנסת אורחים. אויף קאראוואנען טראקטן האט ער אויפגעשטעלט זיינע געצעלטן. פיר'טויערן צו אלע פיר זייטן װעלט, צו די געצעלטן געעפנט. מידע, האבן דארט מיט קאלט וואסער זייערע קערפער געוואשן. הונגעריגע געגעסן, דורשטיגע, געטרינקן. שלעפעריגע, געשלאפן ווי די טייערסטע געסט, מיט זארגפעלטיגע בעדינונג, זענען די דורכוואנדערער בעהאנדלט געווארן (זעה די סדרה וירא)

בעמערקענדיג, די אונגעהויערע דאנקבארקייט געפילן, וואס האבן בעהערשט די אלע אויסגערוהטע זאטגעווארענע וואנדערער, פאר אים זייער בעל טובה, האט ער ערשט רעכט פערשטאנען, ווי דאנקבאר מדארף זיין אונזער אמתן בעל טובה — ג-ט.

מיט גרויס בעגייסטערונג רופט ער אויס צו די געסט און תלמידים: „דאנקט דעם וואס איר האט געגעסן פון זיינס". די, פון

די געסט וואס האבן נישט פערשטאנען, האבן גערעדנט, אז ער מיינט זיך. האט ער זיי אויפגעקלערט, אַז אָהנע ג—ט האט ער גארנישט. דאס גאנצע עסן איז ג-טס. דאן זאגן זיי „א דאנק דעם וואס מיר עסן זיינס און פון זיין גוטס לעבן מיר", בעטאנענדיג די לעצטע ווערטער אז ממיינט ג-ט.

אזוי איז דערצויגן געווארן די סעקטע און די פאמיליע עברים.

פון אברהמן שטאמט אויך לויט דער מסורה דאס „ספר יצירה", א ספר וועגן צוזאמענהאנג פון ג-ט און מענש, וועלט צייט.

די גרעסטע תלמידים זיינע זענען געווען: אליעזר, ענר, אשכול, ממרא, יצחק, יעקב.

## י.

# יצחק.

יצחק. תפילת מנחה. מעשר, אליהו בן ברכאל הבוזי צדיק ורע לו. פחד יצחק. די ברכות פון יעקבן.

פון אלע קינדער אברהם׳ס האט נאר יצחק איבערגענומען די פולע און דורותדיגע לערע אברהם׳ס. ער איז עס געווען דער זון, וואס אלס קרעפטיגער 37 יעריגער יונגערמאן, האט ער זיך געלאזט בינדן צום שחטן, פון דעם מיט הונדערט יאר עלטערן פאר אים — פאטער.

ער האט אויך געלערנט ביי שם ועבר.

יצחק איז נישט שטיין געבליבן אין ג—טס עבודה. ביים נאכטוען דעם פאטער, ער איז געגאנגען ווייטער און ווייטער. ער האט תוץ די מארגן־תפילה (שחרית) אויך די נאכמיטאג תפילה (מנחה) מתקן געווען, אז נישט בלויז ווען דער טאג בראכט אויף, מווייסט נאך נישט וואס עס וועט געשען. דארף מען ג—ט בעטן, נאר אויך, אז דער טאג גייט אוועק, מווייסט שוין גענוי דאס גליק, אומגליק וואס דער טאג האט מיטגעברענגט, דארף מען ווייטער ג—ט בעטן, מווייזט דערמיט, אז ביי ג—ט איז קיין זאך נישט קיין געשעענער פאקט. דאס אומגליק קאן נאך אין גליק פערוואנדלט ווערן און אויך פערקערט.

מעשר, זעען מיר ביי אברהם פון קריגס־רויב געבן, ביי יצחקן זעען מיר עס ביי פעלד־תבואה. שווער געארבעט וועגן די תבואה א גאנץ יאָר, און ביים שניידן די פרוכט פון די שווערע ארבעט, אוועקגעבן מעשר איז א כח! מבעוויזט דערמיט, די אר־בעט איז נישט מיין, דאָס פעלד איז נישט מיין איך בין נישט מיין!

לויט ר׳ אלעזר בן עזרי׳ (ירושלמי סוטה פרק ה׳) איז אליהו בן ברכאל הבוזי, וואָס ווערט דערמאָנט אין ספר איוב — יצחק. עס קומט אויס, אז די אלע נביאותן־אנשויאונגען און געדאנקן, וואָס אליהו האָט זיי ארויסגעברענגט דארף מען צו שרייבן יצחקן. די אנשויאונגען פון אליהו האָבן טאקע צו יענער צייט געדארפט ארויסגעזאָגט ווערן. וואָרום אין דער צייט פון אברהם האָט יעדער געזען, אז ג—טס דינער גייט עס גאָר גיט. אברהם — אין דער צייט וואָס ער איז געווען מפורסם אויף דער וועלט — איז געווען א פירשט מיט 318 קנעכט. שפּעטער איז ער זאָגאר אויסגערופן געוואָרן אלס קעניג איבער אלע ארומיגע פירשטענטימער. שם איז געווען קעניג פון שלם, עגר אשכול און ממרא זענען געווען פירשטן. איוב איז געווען א זער רייכער פירשט. עס איז שוין זאָ־גאר געווען א קטרוג, אז די מעגשן זענען ג—טס דינער, ווייל זיי ווילן סזאָל זיי גוט זיין אויף די וועלט. וואָרום מזעט, אז ג—טס דינער גייט עס גוט. דעריבער איז געקומען אויף איובן די גוט בעקאנטע איוב־יסורים אלס נסיון, אום צו ווייזן די וועלט, אז ביי די גרעסטע יסורים דארף מען דינען ג—ט און זיין אינטערטעניג אונטער זיין אלמאכט. (איוב א׳ און ב׳).

איובן פערדריסט עס. כארבעט דארף מען מיר בעצאָלן. כבין גוט, קומט מיר גוטס.

דאן טרעט ארויס יצחק. (ביי יצחקן געפונען מיר טיילמאָל, נישט קיין איבריגע הצלחה ער האָט אויף דער עלטער גישט גע־זען אויף די אויגן דער „אבן עזרא״ זאָגט זאָגאר, אז יצחק האָט

געהאט צייטן פון אָרימקייט) ער דערקלערט, אז קיינער טוט נישט קיין טובה ג—ט, דערמיט וואָס ער דינט אים. דעריבער האָט קיי־נער קיין רעכט, צו פאָדערן בעצאָלט. דאָס איז שוין א חסד וואָס ער גיט אים סגעלעגנהייט צו טוען גוטס און צו זיין גוט. און ווען די יסורים ברענגען מיט, אז מזאָל נישט פערוואָרפן די הכנעה, אז דאָס דיגען ג—ט זאָל זיין אינערליכער, סזאָל נישט זיין צוליב די שלוה, זענען טאקע די יסורים א גרויסע טובה.

„אז דו האָסט געזינדיגט, איז ער (ג—ט) דען עפּעס נתפעל געוואָרן?! און אז דו האָסט פיל מורד געווען אין אים, טוסט דו אים דען עפּעס?! (שלעכט) ווען דו ביזט גוט — וואָס גיסט דו אים און וואָט נעמט ער פון דיר?! דאָס איז יצחקס געדאנקן־גאנג און דערפון נעמט זיך יצחקס ציטערן ביי דער עבודה, דער „פּחד יצחק".

אז זיין זון עשו, איז ווייניג מזכיר ג—טס נאָמען, איז ווייניג עוסק אין ג—טס עבודה, פערשטייט יצחק, אז דאָס שטאמט פון פּחד פאר ג—ט. דעריבער האלט ער פון עשו׳ן.

טראָץ יצחקס האלטן פון עשון, טראָץ דעם וואָט ער זעט, אז יעקב האט אויסגענאַרט די ברכות, גיט ער זיך אונטער ג—טס ווילן. ווייל ער זעט, אז ביי יעקבס ברכות רוט אויף אים ג—טס גייסט. זאָגט ער „זאָל ער טאקע זיין געבענשט". ער האלט שוין יעקבן פאר דעםווירקליכן יורש פון אברהם׳ס ירושה. מגעפונט שוין פון דאן אָן, גאָרנישט פון זיינע סימפּאטיעס צו עשון.

די גרעסטע תלמידים זיינע געווען יעקב, יוסף, די שבטים אליפו.

## יא.

# יעקב—ישראל.

יעקב פערשטייט די קרבנות און די בכורה, און אַז אז עשו איז נישט ראוי צו דער עבודה — תפלת ערבית — מעשר פון אלע פערדינסטן —יעקבס גלות וועג. — די שיר המעלותן — גיד הנשה — מאכלות אסורות — יבום, גילולים.

פון יצחקס ביידע קינדער האט גאר יעקב אליין איבערגענומען די עברים־ירושה. ביזן פינפצענטן לעבנס יאָר, האט ער גע־לערנט ביי אברהם. ער האט שוין פערשטאנען, וואס די עבודה פון קרבנות איז, און אז עשו אין נישט ראוי דערצו. דעריבער, האט ער ביי עשו'ן אפגעקויפט די בכורה*) ער האט אויך גע־לערנט ביי שם און עבר און ביי יצחקן.

יעקב האט מתקן געווען די אוונט תפלה (תפלת ערבית) אַז נישט בלויז דאַן דארף מען ג־ט בעטן ווען מגייט צו אדער פון דער ארבעט, אום סזאל זיך נישט דאכטן, אַז דאס ארבעטן

---

*) ווען די קרבנות וואלטן נאר זיין אפצוציען פון עבודה זרה, וואלט זי יעקב נישט פערלאנגט דווקא פאר זיך. עס וואָלט מער געווען צום ציל ביי עשו'ן.

אדער נישט ארבעטן ברענגט גליק אדער אומגליק. אלזא די הכנעה פון שחרית און מנחה איז, אז סזאל נישט קומען צו מרידה (נעגאַטיווע הכנעה) נאר אויך ווען מגייט שלאפן, האלט עס דאך נישט ביי מרידה דארף אויך זיין הכנעה (פאזיטיווע הכנעה).

אויב מגעפינט ביי אברהם, מעשר פון קריגס רויב. א קריג פון איינצעלנע מענשן נעגן פיר מעכטיגע מלכים. א זאך וואס איז א ריינער נס. ביי יצחקן געפונט מען מעשר פון פעלד, תבואה. אויף וויפיל די תבואה קומט פון שווערע ארבעט זעט מען אבער ביי פעלד תבואה, אָפּן די ג-טליכע השגחה. די פויגל האבן נישט אויפגעפרעסן די זאָמען. דער רעגן האט נישט פערוואסערט. דער ווינט האט זיי נישט אויסגעקלאפט, די זון האט נישט פערברענט, און, פון וואס נאך אלץ. די חשגחה האט אפגעהיטן די תבואה, ביז זי איז פערטיג געווארן, קומט טאקע צו געבן מעשר. ביי יעקבן געפינט מען שוין מעשר ביי אלע פערדינסטן. סאיז דא אַזעלכע פערדינסטן וואס סקאָן זיך דאכטן אז דער מענש האט זיי ערווארבן. דאס ווייזט יעקב, אז גאָרנישט קאן מען זיך אליין נעמען, אז אלעס גיט ג—ט. און דעריבער דארף מען פון אלעס אראָפּגעבן מעשר.

מיר געפונען אויך ביי יעקבן, א נדר טוען אין א צרה.

בכלל ווערט פון יעקב געלערנט ווי זיך אדורכצושטיפן דורך די שונאים אין גלותן, נישט פערלירן די האפנונג אין די ערגסטע נויטן.

די שיר המעלותן פון תהלים — ניבן אונז איבער די חז"ל — זענען יעקבס ווערק, איבערהויפט די שיר המעלותן וועגען ישראלס עלענד אויף דער וועלט. ווען יעקב איז אליין אין כעלד, ידנטלויפענדיג פאר עשו'ן זאגט ער „אַיך הויב אויף די אויגן צו בערגער, פונוואנען וועט קומען מיין הילף?" ער פערצווייפלט

אבער נישט, ער שרייט באלד אוים בטחון'פול „מיין הילף איז פון אייבינן וואס ער בעשאפט הימל און ערד!" ער בע־קומט א ענטפער פון הימל „ער (ג־ט) וועט נישט דערלאזן צום אויסגליטשן דיינע פיס, ער וועט נישט זשימיען דיין היטער" א.א.וו.

אט דער גאנצער דערנער וועג פון יעקבן און זיין אדורכ־שלענגלען זיך ביז צום „ויחי יעקב" איז דער סימבאל פאר יעדן יוד בפרט, און פאר אלע יודן בכלל. ווי אזוי אדורך צו זשאנגלירן דורכן לאנגן פינסטערן גלות ביז צום „והי' באחרית הימים".

מיר געפונען אויך ביי יעקבס קינדער די מצוה נישט צו עסן דעם אָדער וואס הייסט „גיד הנשה"*)

דער וואס האט אַ אהגונג פון דעם צוזאמענהאנג פון ג־ט, מענש, וועלט, בעשעפנישן, צייט, דער פערשטייט, אז, ווייל יעקב האט געקאנט קריגן א קלאפ איז א געוויסן אָדער, יעקב, ג—טס גע־ליבטער קנעכט!, ווייזט אוים אז די צייט פון אפענבארע ענטפלע־קונג פון ג־טס כבוד איז נאך נישט געקומען. איז דאך נאך, אין יעדער זאך דא א פערהוילונג פון ג־טס כבוד. דעריבער איז נאך נישט דאס גאנצע בהמה פלייש ראוי אין די בני ישראל'ס פלייש און בלוט פערוואנדלט צו ווערן, ווייל דאס פלייש און בלוט פון די בני ישראל דארף אלס באזע פאר דער ג־טליכע נשמה דינען, דארף זי נאר פון די שפייז וואס איז נישט מיט פערהוילונג פערבונדן (אסור—געבונדן) געניסן. אין אָט דעם גיד הנשה איז טאקע ג־טס כבוד פערהוילן, דעריבער האט יעקב דארט אַ קלאפ בעקומען, און דעריבער קאנען אים די בני יעקב נישט געניסן. (ש"א)

מיר געפינען אויך ביי יעקבס זון יהודה די מצוות „יבום".

די מצות יבום איז, אז אַ מענש שטארבט קינדערלאז, נעמט

*) „טבות טבח והכן — טול גיד הנשה בפניהם" דער גופא פסוק על כן לא יאכלו... איז בסיני נאמר אלא שנכתב במקומו".

איינער פון די נאָנטע פאמיליע זיין פרוי. שפעטער ווען די יודן האבן בעקומען די תורה, און פיל פון די נאנטע קרובים, איז נישט דערלויבט דאָס משדך זיין זיך, איז די מצות יבום נאָר ביי אַ ברודער פון איין פאטער. די תורה האָט אויך צוגעגעבן די מצות „חליצה" פאר דעם וואָס וויל נישט אָדער קאָן נישט מייבם זיין, מיר געפינען, אז ווייטערע קרובים האָבן אויך די מצוה מקיים געווען, כאָטש קיין חיוב איז עס נישט ביי זיי (בועז).

די מצות יבום, פערשטייט מען גאָרנישט אַין פשוטן זין. מקאן זי נאר פערשטיין, אז מהאט עפעס א ידיעה ווענן נשמות און גילגולים פון נשמות*).

*) ווענן נשמות איז פול די גאנצע תורה. און אויך דאָס ענין גילגולים אַיז א עיקר אין יודישקייט. דאָס איז דער אמתער תירוץ אויף צדיק ורע לו רשע וטוב לו" א רשע גייט גוט און א צדיק גייט שלעכט. דאָס איז אלטע חשבונות פון א גלגול פריער, און דאָס איז טייטש „רשע וטוב לו רשע בן צדיק" ער איז פריער געווען א צדיק א אָרימאַן, אָן מעגליכקייטן צו זינדיגן, האָט מען אים יעצט פאַר א עושר געמאכט מיט מעגליכקייטן און ער זאָל בלייבן א צדיק. ער אָבער איז דעם נסין נישט בייגעשטאנען און איז געוואָרן א רשע. אָדער ער איז א רשע געווען, האָט ער א תירוץ די געשעפטן האָבן צוגעפירט דערצו, קומט ער נאָכאמאָל אלס אָרימאן. דעם נסיון שטייט ער יאָ ביי, און ער איז א צדיק. בכלל ווייזט גילגול, אז דורך יבום קומט ער אין דעם זון וואָס ווערט געבוירן, און סבלייבט א משפחה.

דורך חליצה האָט ער מנוחה און דארף נישט נאָכאמאָל קומען אויף דער וועלט.

דאָס, וואָס ביי אנדערע פעלקער געפונט זיך אויך ווענן גילגולים? דאָס האָבן זיי פערקריפלטע רעשטלעך וואָס איז זיי געבליבן פון נחן וואָס ער האָט געהערט פון מתושלח פון אדם.

# יב.

## די עברים=נאַציע.

די עברים=משפחה—א פאָלק ישראל. „שמע ישראל".
יעקב זאָגט זיי וועגן גאולה און משיח.

דאָס צו וואָס אברהם האָט אזוי הייס געשטרעבט. דאָס, צו וואָס יצחק האָט אזוי שטארק געבענקט, דאָס איז פערווירקליכט געוואָרן ביי יעקבן. יעקב מיט זיינע זיבעציג נפשות, האָבן שוין מיט זיך פאָרגעשטעלט א שטאם=התחלה פון א נאציע עברים.

ווי א יונג צווייגל, דארף אריבערגעזעצט ווערן אין דער ערד, אום סוף פעסטער פערוואָרצלען, ברייטער פערצווייגן סוף א פעסטער בוים ווערן. אזוי האָט אויך די עברים משפחה גע=דארפט — לויט די טיפע עצה פון ג—ט מיט אברהם — גיין אין גלות, זיין אָפגעזונדערט פון אלע ארומיגע, זיך צוזאמענצעמענטירן (צי דורך אינוויינגסטע כחות, צי דורך שנאים פון דרויסן) צו=וואָרצלען, צוצווייגן, ביז סוף פון די עברים=משפחה ווערן א פאָלק ישראל*).

*) אוודאי, ווען סוואָלט נישט געווען קיין חטאים וואָלט נישט געדארפט זיין קיין האלב=נאטירליכע מיטלען. סוואלט גע=ווען אינגאנצן איבערנאַטירליך, וואָלט מען נישט געדארפט מצרים.

ווען יעקב האָט געהאַלטן בײַ אָוועקגיין פון דער וועלט, ער האָט זיך געזען בײַם ציל, צו וועלכן ער און זיינע עלטערן אברהם און יצחק האבן אזוי היים געשטרעבט. האָט ער אזש פאר שמחה געצווייפלט אינם גליק, איז עס וואָר? — האָט ער זיך געטראכט אז דאָס צו וואָס אברהם און יצחק האָבן נישט זוכה געווען — צו האָבן אלע קינדער, אויך אלס גייסטיגע קינדער, אלס א עברים נאציע — דאָס בין איך יאָ זוכה? איז עס טאקע וואָר? ער רופט צו די קינדער און פרעגט, אפשר געפונט זיך צווישן אייך איינער, וואָס זיין הארץ איז אָפּגעטיילט פון ג—ט?

שמע ישראל! איז דער ענטפער, הער (פאָטער) ישראל, דער אייביגער איז אונזער ג—ט,דער „אייביגער" איז איינציג! אזוי ווי אין דיין הארץ, איז נאר דא דער „איינציגער, אזוי איז אויך אין אונזער הארץ נאָר דאָ, דער איין און איינציגער!

יעקב, הערנדיג, אז זיין גליק איז טאקע אמת, האָט ג—ט געדאנקט מיט די ווערטער „געלויבט איז דער נאָמען פון זיין קע-ניגליכע מאַיעסטעט אויף אייביג".

פון יענעם פייערליכן מאָמענט, האָבן יודן זוכה געווען צום „שמע ישראל" פון דאן אָן בעגלייט דער „שמע ישראל" דעם יוד פון שלאָפן גיין ביזן אויפשטיין (בשכבך ובקומך) פון געבוירן (אָ קריאת שמע לייענען) ביזן שטארבן, ווי מיטן לעצטן אָטעם-צוג שרייט ער אויס שמע ישראל! פון די העכסטע שמחה (יום כפור, שמחת תורה) ביזן שייטערהויפן, בעגלייט יעקבס ירושה — דער „שמע ישראל" דעם יוד. יעקב בענשט די קינדער, זאָגט זיי נביאות, יעדן איינעם וואס וועט בײַ אים פאסירן. ער לאָזט זיי איבער די נביאה-הבטחה און אמונה וועגן משיח. דאן גייט ער רוהיג אוועק פון דער וועלט...

אויף ווי ווייט יעקבס הבטחה וועגן משיח און, אז משיח וועט זיין פון יהודה, איז בײַ זיי געווען פערוואָרצלט, קאָן מען זען

פון דעם, וואָס נאָך ביי יוסף'ס לעבן איז ביי יוסף'ס קינדער געווען א כבוד זיך משדך זיין פון יהודה (דברי הימים א' קאפ. ב' פסוק כא' און אין רש"י) טראָץ דעם וואָס יוסף איז געווען שני למלך פון מצרים און נשיא ראש פון די שבטים.

זיינע גרעסטע תלמידים זענען געווען, יוסף, די שבטים אפרים, קהת, די שבעים נפש, און עמרם.

# יוסף

יעקב לערנט יוסף אלס ראש ישיבה. אלס צוקונפ־
טיגער ראש וויל ער זיי שוין בעסער מאכן. די מחלוקה
דאָס דן זיין אין דאָס פערקויפן. ער ווערט „יוסף
הצדיק" יוסף אין תפיסה. יוסף א וויצע קייזער. ראובן
שמעון און לוי.

יוסף האָט געלערנט בּיי יצחק און בּיי יעקב. אלעס וואָס יעקב
האָט געלערנט בּיי שם ועבר, האָט ער איבּערגעגעבּן יוסף'ן
— זאָגן די חז"ל. ד. ה. אז נישט בּלויז, דאָס וואָס אלע תלמידים
אלע שבטים האָבּן געלערנט, האָט יעקב יוסף'ן איבּערגעגעבּן, נאָר
ער האָט איהם אויך איבּערגעגעבּן דעם „סוד העיבּור"*) אין אלע
סודות התורה. אזוי אז ער האָט איהם גערלעגט אלס נאָך פאָלגער
אלס ראש ישיבה אין נשיא.

יוסף אלס צוקונפטיגער ראש ישיבה האָט שוין יונגערהייט
אנגעהויבּן נאָך קוקן די בּרידער און געוואָלט זיי אויסבּעסערן.
וויסענדיג אז ער איז בּיי ויי נישט חשוב, אז זיינע ווערטער ועלן

*) „סוד העיבּור" אסטראָנאָמישע אויסרעכנונגען צום פעסט־
שטעלן דעם קאלענדאר און אויך די מיסטישע סימבּאָלן פון די
אלע אסטראָנאָמישע פיגורן. דאָס אלעס געהער צום נשיא.

אויף זיי נישט ווירקן, דערציילט ער דעם פאָטער דאָס וואָס ס׳זעט ביי איהם אוים אז סדארף ווערן אויסגעבעסערט.

יוסף שטיינט אין הויכקייט ביז צום זעהן ריכטיגע חלומות און פערשטיין זייער בעדייטונג (אזא רוח הקודש א קליינע מדרגה פון נביאה) די חלומות בעדייטן אז ער וועט ווערן ראש איבער זיי. ער טוט עס דערציילן די ברודער, כדי צו ווייזן אז ער בעדארף זיי אויפמערקזאם מאכן אויף פעלערן. און אז דאָס וואָס ער דערציילט דעם פאָטער, איז נישט קיין לשון הרע.

זיי אָבער נישט האלטענדיג איהם אזוי גרוים, זעהען אין די חלומות — גרויסקייטס־מאניע (וואָס מען האָט אין זין בייטאָג חלומט ביינאכט) דאָס דערציילן די חלומות, — א רייצן זיך. ממילא מיינט עד דאָך נישט, אויסצובעסערן זיי, איז דאָך דאָס דערציילן דעם פאָטער, ריכטיגע לשון הרע, ד. ה. עובר געווען אויף די מצות דינים. (יעדעס גישט ערליכע און נישט אָרנטליכע פאָרגיין, פון איין מענש געגן אנדערן, הייסט עובר געווען אויף מצוות דינים.

זיי משפטן איהם — טויט שטראָף. (ביי „בני נח" קוממט אויף יעדן עובר זיין אויף א מצוה, טויט שט־אָף). יהודה האָט געפונען א עצה, צו מילדערן דעם פסק. אויסצוטוישן טויט שטראָף אויף שקלאפעריי. — אזוי ווי מגעפונט ביי נח׳ן, אז ער האָט תם׳ען וואָס סאיז איהם געקומען מיתה. ווייל ער האָט עובר געווען אויף כיבוד אב, וואָס אין כ״ל פון מצות דינים, אויסגע־טוישט אויף שקלאפעריי פאר זיין זון כנען*).

*) אז שטייט ביי ישראל „לא תקחו כופר לנפש רוצח" ווייזט אוים אז ביי בני נח קאָן מען יאָ אויסטוישן די מיתה אויף עפעס אַנדערש, איבערהויפט איז עס נויטיג ביי די מצות דינים. ווייל די דעטיילן פון מצות דינים זענען זעהר עלאַסטיש סוועג־

יוסף איז פארקויפט געוואָרן פאר א קנעכט, ער ווערט גע־פירט קיין מצרים. דאָס זיטן פערדאָרבענסטע לאנד, יוסף האָט זיך דעריבער נאָך מער געהיטן אין זיטן ריינקייט. ביז ער האָט זוכה געווען זיך מוסר נפש צו זיין אויף זיטן ריינקייט. ער איז געוואָרן העכער פון אלע שבטים. ער איז געוואָרען יוסף הצדיק.

אז יוסף איז געקמען צו זיין ריכטיגע מדרגה, צו וועלכע ער האָט געדארפט קומען, אז ער איז געוואָרן יוסף הצדיק, איז אים יעצט גערעכנט געוואָרן דער חטא פון רעדן לשון הרע, ער איז געקומען אין תפיסה אריין אויף 12 יאָהר (ש"א).

דערמיט וואָס ער האָט געדאַרפט ווערן ראש הייסט נאָך נישט אז ער איז שוין ראש, ער האָט נאך נישט קיין רעכט זיי אויס־צובעסערן.

ראש צו זיין מוז מען אחוץ אלע מעלות, האָבן אויך וועלט-ליכע דערפארונג. דאָס האט יוסף צוליב זיין יונגקייט נישט געהאט. דער תרגם יונתן*) גיט אונז איבער, אז זיי האבן אפגעשניטן

*) דער תרגם יונתן פון יונתן בן עוזיאל, הלל הנשיא'ס גרעסטער תלמוד האָט עס געהערט פון הלל. פון די „זוגות" פון נביאים ביז משה מסיני, אָרער די נביאים אחיה השילוני, עמרם פון יוסף און די שבטים,

---

דעט זיך אין שכל פון דיין. דער דיין קען זיך אויך חושד זיין אין נגיעה, ווי עס איזטאקע דא געווען דער פאל. דעריבער האָט דער דיין רשות צו מילדערן די מיתה, אויף אזא ענליכען משפט ווי מיתה.

די אויערן און עקן׳ פון די לעבעדיגע בהמות (א רפואה אדער א סגולה אזא פאר א קראנקע בהמה) יוסף האט דאס נישט געוואוסט האט ער געמיינט אז זיי נעמען „אבר מן החי״ צום עסן.

נאך דער תפיסה אז ער איז שוין פאר דעם קליינעם חטא אויך אפגעקומען, גייט אים שוין גוט אויף די וועלט אויך, ער ווערט מושל אויף מצרים, און די ארוטיגע לענדער, ער ווערט ראש איבער די ברידער, און אפילו דער פאָטער האט זיך אויך צו אים געביקט.

יוסף איז דער פראָטאָטיפ — פון אים האָבן זיך געלערנט — פון די אַלע וואס איז זיי אויסגעקומען צו דינען די אינטערעסן פון קעניגן און פירשטן, די אינטערעסן פון לאנד וואס זיי וואוי־גען, און דאבײ זאל נישט פעלן פון זייער תורה און צדקות קיין האָר, ווי עבדי׳ ר׳ שמואל הנגיד, ר׳ יהודה הלוי דער רמב״ם, דון יצחק אבראבאַנעל זיי אלע האָבן פאַר זיך געזען יוסף׳ן אלס וויצע קייזער פון א גרויסע אימפעריע, און דאָך נישט אראפגע־גאנגען פון צדקות־וועג. אפילו דאן ווען ער איז אלס וויצע קייזער עפענטליך אויסגערופן געוואָרן. און אין טריואמף צוג אין מצרים׳ס גאסן געריטן, האלט ער אויך קאָפ. ער הויפט די אויגן נישט אויף צו קוקן אויף מצרים׳ס טעכטער.

עס איז דער זעלבער יוסף ביים פאשען די שאָף פון פאָטער דער זעלבער יוסף אלס קנעכט, דער זעלבער אין תפיסה און דער זעלבער אלס הערשער איבער מצרים דער זעלבער אלס גערזדעפטער פון די ברודער און דער זעלבער אלס שפייזער פון די ברידער און זייערע פאמיליעס.

נאָך יעקב׳ן איז יוסף געווען ראש הישיבה. ויינע גרעסטע תלמידים זענען געווען: די שבטים, קהת די שבעים נפש, איתן, תימן, בכלל. דרע,

# ראובן שמעון לוי.

קיינמאל האט נישט אויפגעהערט די ישיבה פון · אונזערע
לטערן. — זאָגן די חז"ל — אויך אין מצרים איז טעטיג געווען
עקב'ס ישיבה, איר ראש ישיבה איז געווען יוסף. נאך יוסף'ן
אובן. גאָך ראובן שמעון נאָך שמעון לוי.

ראובן שמעון און לוי האָבן געלערנט ביי יצחק יעקב און
יסף. זיי זענען געווען צוזאמען ראשי ישיבה 20 יאָהר.

ראובן האָט געוויזן א וועג פון תשובה. ער האָט צוליב
עם כבוד פון זיין מוטער פוגם געווען אין כיבוד אב, האָט ער
ל ימיו תשובה געטון אויף דעם:

שמעון און לוי האָבן דן געווען, דאָס פירשטען הויז שכם,
ייל זיי האָבן עובר געווען אויף גזל. זיי האָבן גע'גזלט יעקב'ס
אָכטער דינה. און די גאנצע שטאָט שכם האָבן זיי דן געווען,
ייל זיי האָבן עובר געווען אויף מצות דינים. זיי האָבן געדאַרפט
כם'ען שטערן זיין פלאַן, האָבן זיי נאָך צוגעהאָלפען. שמעון
ון לוי האָבן זיי דן געווען מיתה. און זיי האָבן אויך דעם פסק
ויסגעפירט.

לוי האָט זיך שפעטער ארויפגעכאפט העכער און העכער
יז דאָס גאנצע שבט לוי איז געבליבן ריין דורך די גאנצע
מאת מצרים. דאָס גאנצע שבט לוי האָט נישט געדינט קיין

עבודה זרה אין מצרים. דאָס גאנצע שבט לוי האָט זיך מל געווען אין מצרים. און דעריבער איז שבט לוי נישט געווען אין שעיבוד מצרים. און דעריבער איז דער גואל פון גלות געווען פון שבט לוי.

ווי לאנג לוי האָט געלעבט איז נאָך נישט געווען דער שעיבוד מצרים.

זייערע גרעסטע תלמידים זענען געווען: קהת די שבעים נפש עמרם, איתן, הימן, כלכל, דרע.

# יד.

קהת, א תלמיד חכם — עמרם, אַ נביא, דראנג צו אסימילאציע, אנטיסעמיטיזם. אהרן א נביא. צרות־אַפּפאל פון יודישקייט. — נאך גרעסערע צרות. קושי השעבוד, גאולה.

נאָך לוי'ן, האָט שוין נישט געלעבּט קיינער פון די שבטים. אלס ראש ישיבה איז דאַן געווארן לוי'ס זון, קהת. ער האָט געלערנט בּיי יעקב, יוסף און די שבטים. ער איז געווען מער תלמיד חכם ווי די אנדערע קינדער לוי'ס. דעריבּער איז ער גע־ווען ראש ישיבה און נישט גרשון דער בּכור. זיינע קינדער די בּני קהת זענען אויך געווען תלמידי חכמים, און דעריבּער האבּן זיי זוכה געווען צו טראָגן דעם ארון אין דער מדבּר.

סאיז א סברא, אז דער נאמען קהת בּעדייטעט איינזאמלונג — פֿון חכמה — אין גענגזאץ צו אנדערע נעמען אין יענער צייט, וואס בּעדייטן אויפן גלות. ווי גרשון (פערטריבּענער), מררי (בּיטע־רער) — כאָטש די נעמען זענען נאך געגעבּן געווארן פארן ארויס־זען קהתס חכמה און פארן גלות — איז אבּער רוח הקודש בּיי די שבטים, גאנץ ווארשיינליך.

זיינע גרעסטע תלמידים זענען געווען עמרם איתן כלכל דרע יאיר בן מנשה.

# עמרם

עמרם האָט געלערנט ביי יעקב. יוסף, די שבטים און קהת. ער איז א חוץ ראש הישיבה, אויך א נביא געווען. ער איז מיט א שטראָף נבואה געשיקט געוואָרן פון ג-ט. אויף דעם וואָס ספאָלק האָט זיך גענומען לערנען פון מצרים. ס'איז דעמאָלט געווען א פארא-לע „לאָמיר ווערן ווי די מצרים" (מצרים-עגיפּט 'איז דאן געווען ס'העכסטע קולטור פאָלק' דאָס האָט געלאָקט די שוואכזיניגע).

עמרם'ס נבואות זאָגען, האָט זיי נישט געהאָלפן. ס'האָט געמוזט קומען צרות. ס'האָט געמוזט קומען דערצו אז דאָס קול-טור פאָלק" זאָל ארויסווייזן דאָס גאנצע אכזריות און באַרבאַריש-קייט וואָס שטעקט אונטער די אויסערליכע קולטור-פאָרמען, אום די בני ישראל זאָלן זעהן דעם אמת'ן ווערט, פון זייער קולטור,

די צרות, האָבן אויך נישט באלד געוויזן זייער ווירקונג אויגענבליקליך האָבן די צרות, זיי גאָר טעמפּ געמאכט. זיי האָ-בן זאָגאר גערעכנט, אז מיטן דערנענטערן זיך צו די מצרים. וועלן זיי עמאנציפּירט ווערן. וועט זיי ס'גלות לייכטער זיין.

אלס שטראָף דערפאר, איז ס'גלות, גאָך שווערער געוואָרן זיי ווידער האָבן זיך נאָך מער צו די מצרים צוגעפּיצט, אזוי איז געווען, עבדות און צרות. — צרות און עבדות. ביז — ביז גאָר דאָס שבט לוי און יחידים פון אנדערע שבטים, זענען נעבליבן ביים ריינעם עבדים-גייסט, ספאָלק אבער, האָט א חוץ דעם קער-פּערליכן, אויך א גייסטיגן שווערן גלות אדורך געלעבט.

עמרם'ן איז געלונגען צו דערהאלטן די גאָלדענע קייט פון די אבות אויף אזויפיל, אז א חוץ. דאָס שבט לוי און די בעסערע יחידים, איז אויך דאָס גאנצע פאָלק געבליבן אפּגעזונ-דערט; 1) מיט די שפּראך 2) מיטן קליידונג 3) מיטן מאָראַליש-זיטליכן אויפפירן. 4) און מיטן האלטן אחדות צווישן זיך

דעריבער איז ס'פאלק אינערליך, טיעף אינערליך, נעבליבן ריין, אזוי אז ווי נאר די גאולה איז געקומען, ווי נאר סאויסערליכע איז אראפ, איז עס שוין געוואָרן גרייט צו זיין ג-ט'ס פאלק!

עמרם האָט געהאט בנבואה פיל מצוות (רמב"ם). זייגע גרעסטע תלמידים זענען געווען: איתן, הימן, כלכל, דרע, אהרן, משה, יאיר בן מנשה, און אחי' השילוני.

# אהרן.

אהרן האָט געלערנט ביי עמרם. נאך עמרם האט אהרן זיין ארבעט פאָרטגעזעצט. ער האָט אויך נבואות געזאגט. „יערער ווינע געמיינקייטן, ווארפט אוועק. און מיט מצרים'ס עבודה-זרות זייט אייך נישט מטמא".

אויך זיין ארבעט איז געווען ווי ווייט מעגליך צו דערהאלטן ס'פאָלק נאָנט צום הייליגן אבשטאם.

אזוי האָט זיך דאָס יודישקייט אדורכגעשלעגגלט, דורך די גדערנערדיגע, הויקערדיקע גלות-פעלזן. ביז אפילו אין די לעצטע פינסטערסטע צייט פאר די גאולה, ווען ספאָלק האָט זיך שוין געפונען אין די „מ'ט' שערי טומאה", האָט זיך נאָך א זקנים (סנהדרין) געפונען. מיט אהרן אלס נשיא בראש.

זיי האָבן ווייטער געשפונען דעם פאָדעם פון ישראלן. טאקע גאנץ בעשיידן, אָבער סהאָט אויף אזויפיל נוצן געברענגט דעם אנצן פאָלק, אז סאיז גוווען צו ווען צו ווען די גאולה צו ברענגען.

מיטן ענדע פון גלות מצרים ענדיגט זיך, די פאר מתן תורה עפּאָכע.

ענדע פון ערשטן טייל:

# דרוק־פעלערן רעגיסטער.

| זייט | שורה | איז געשריבן | דארף זיין |
|---|---|---|---|
| 5 | 1 | מוסער | מוסר |
| " | 2 | מתנוזים | מתנגכים |
| 7 | 2 | א זאך אן און פאד זיך | אן־און פאר זיך |
| 8 | 29 | האַט נישט וואס | האט נישט מיט וואס |
| 10 | 21 | וואָר | יאָר |
| 11 | 2 | ביי | ביז |
| 18 | 17 | ימיר | מיר |
| 26 | 3 | תקכופה | תרופה |
| " | 5—6 | געזאגט נביאות | געזאגט נביאות נביאות געזאג |
| " | 9 | נות | גת |
| " | 10 | נות | נת |
| 29 | 10 | בת דין | בית דין |
| 33 | 21 | מיעם | מיאום |
| 34 | 15 | ארפתשד | ארפכשד |
| 35 | 23 | געהייסן אמאראפל | געהייסן אמרפל |
| 37 | 9 | מענשן אלין | מענשן צו אלין |
| " | 13 | געוועגליך | געוואוינליכע |
| 44 | 8 | 'פראטאיטפ | פראטאטיפ |
| 45 | 6 | האמ | האט |
| " | 16 | ערזיך | ער זיך |
| 46 | 11 | אויסגעדרידט | אויסגעדריקט |
| 50 | 23 | זיינע געוועז | זיינע זענען געוועז |
| 52 | 27 | ודנטלויפענדינ | אנטלויפענדיג |
| " | 28 | בערנער | די בערגער |
| 54 | 18 | נסין | נסיון |
| 61 | 18 | טריזאמף | טריאומף |
| 64 | 18 | איתן כלכל | איתן הימן כלכל |